יא, זאגט דער רמב"ם, **"אף על פי שהוא פת חולין"**. דער "ארידזשינעל", דער עיקר מצוה פון נטילת ידים איז געווען ווען מ'האט בעיקר געדארפט אכטונג געבן אויף טומאה וטהרה און אויף ריינקייט, ווען ס'איז געווען געלט אין תרומה און אין קדשים. זאגט דער רמב"ם, אפילו ס'איז א פת חולין, איז אויך דא א מצוה פון נטילת ידים, א חיוב פון נטילת ידים.

**אף על פי שאין ידיו מלוכלכות**

זאגט דער רמב"ם, **"אף על פי שאין ידיו מלוכלכות"**. דער עיקר דין, דער רמב"ם אין אנדערע פלעצער איז מסביר אז דער דין נטילת ידים איז א גדר פון טהרה. היות די הענט איז עפעס וואס איז אייביג עסקניות, מענטשן טוען אייביג זאכן מיט די הענט, און נקיות איז אזא וויכטיגע זאך, ס'איז אזוי וויכטיג און חשוב פאר'ן מענטש, "ספעציעל" פאר'ן דאווענען, פאר'ן טון סיי וועלכע דבר שבקדושה, ממילא איז דא א מצוה פון נטילת ידים.

זאגט יעצט דער רמב"ם, **"אף על פי שאין ידיו מלוכלכות ואינו יודע להן טומאה"**. די עיקר מצוה איז כדי צו זיין נקי, אבער איינמאל מ'האט געמאכט די מצוה, האט מען עס געמאכט באופן לא פלוג. יעדער איינער דארף זיך וואשן די הענט, אפילו ער ווייסט נישט אז די הענט זיינע זענען טמא.

**דער יסוד פון חזקת סתם ידים**

די וועג וויאזוי דאס צו זאגן איז אז ס'איז דא א חזקה אויף הענט אז זיי זענען סתם ידים. סתם ידים הייסט נישט אז דו ווייסט אז ס'איז שמוציג. אויב דו ווייסט אז ס'איז שמוציג איז א ודאי אויף תרומה דארף מען, און מ'וועט באלד זען אז אפשר אויך אויף חולין אויך.

ווייל די גזירה, דאס מיינט אז שלמה המלך האט געמאכט א גזירה אויף ידים, אז אלע ידים, סתם ידים, הייסן שניות לטומאה. דאס איז א חידוש, על פי הלכה, מעיקר הדין מדאורייתא איז נישטא אזא זאך ווי טומאת ידים. ס'איז דא א מענטש איז טמא, ס'איז דא א מענטש איז נישט טמא. ס'איז דא א פסוק וואס איז אביסל משמעות, אבער אין לעבן איז נישטא אזא זאך. א סתם הענט, וויבאלד ער טאטשט אן אנדערע זאכן, האט ער דין שני לטומאה. אבער דאס איז בפשטות נאר די חכמים זאכן געווען לכבוד דעם, נאר אין יום טוב.

**תקנת שלמה המלך און תקנת הקנאים**

און נטילת ידים, דאס איז שלמה המלך'ס תקנה. און נטילת ידים איז טאקע, ווייל שלמה המלך האט נישט געברענגט די סאלושענס. אויך ביי עירוב האט שלמה המלך געמאכט די גזירה, און די חכמים האבן צוגעלייגט די סאלושענס. קען מען זאגן ביידע. ווייל ס'איז דאך אויך נטילת ידים, וועלן מיר באלד זען אז ס'איז דא נטילת ידים. איך מיין אז שלמה המלך האט טאקע אויך די עצה. איך ווייס נישט צו ער האט טאקע געגעבן די עצה.

אבער על כל פנים, דאס איז זיכער אז שלמה המלך האט נאר געמאכט לקודש. שפעטער די קנאים האבן געזאגט אז אפילו ווען מ'עסט חולין זאל מען האבן די זעלבע דין. ביי קודש איז געווען דער דין אז אפילו דו ווייסט נישט אז ס'איז שמוציג, דו ווייסט נישט אז ס'איז טמא, וואשט מען די הענט. האט מען געמאכט א תקנה, וויבאלד די גזירה איז געווען אז מ'זאל נישט מחלק זיין, אז ווען דער זעלבער כהן עסט אמאל, אדער נישט כהן דייקא, א ישראל עסט אמאל חולין אמאל קודש, באופן מותר, ממילא זאגט מען אז אפילו ווען ער עסט חולין זאל ער זיך וואשן כדי ער זאל האבן א שמירה פאר קודש. אפילו ווען ס'איז שוין מחולל די קודש, דארף ער זיך וואשן, ווייל מ'האט געמאכט איינמאל א גזירה אויף חולין.

**דיון: וואס איז דער טעם פון נטילת ידים — סרך תרומה אדער נקיות**

דאס איז נאך א שאלה. ס'איז דא א שיטה אין די גמרא וואס זאגט אז פאר וואס איז דא די תקנה וואס די חכמים האבן שפעטער געמאכט אז אפילו ווען מ'עסט חולין זאל מען מאכן נטילת ידים? איז דא וואס האבן געזאגט אז ס'איז משום סרך תרומה, אז אפשר וועט ער עסן תרומה. הגם מיר פארשטייען נישט, א ישראל עסט נישט קיינמאל קיין תרומה, ס'איז זייער פארניצט צו פארשטיין דאס. א ישראל איז דא א מעשה שני, עפעס וואס מ'דארף האבן טהרה. נו, און מ'עסט נישט קודש. איך מיין, דו דארפסט וויסן אביסל די הלכה.

און דער רמב"ם ברענגט אין אנדערע פלעצער נאך, און אין די גמרא איז משמע אז ס'איז דא אן אנדערע שיטה וואס זאגט אז ס'איז נאר אזוי ווי דו האסט פריער געזאגט, אז ס'איז נישט וועגן סרך תרומה, נאר סתם א ענין פון נקיות. ס'איז נישט קיין שיינע זאך אז א מענטש זאל עסן שמוציגע עסן, ער זאל עסן די שמוץ.

על כל פנים, וויבאלד אונז האבן א חזקה – דאס איז דאך געווען שלמה המלך'ס תקנה – וויבאלד מ'האט געמאכט א חזקה אז די הענט זענען שמוציג, אפילו דו ווייסט נישט, ס'קען זיין אז דו האסט געטאטשט און דו האסט נישט געכאפט, איז ממילא דארף מען זיך רייניגן די הענט פאר מ'וואשט, פאר מ'עסט, כדי מ'זאל נישט עסן שמוץ.

דאס איז די פשוט'ע זאך. איך וואלט נישט געזאגט אזוי. לויט ווי דו זאגסט, וואלט געווען מער אז ס'באלאנגט אין הלכות איסורי אכילה, מאכלות אסורות. מ'מאכט אזא גדר אז מ'זאל נישט עסן קיין שמוציגע זאכן. זאכן אדער קיין נישט גוטע זאכן מיט דיינע הענט. אבער איך וואלט נישט געזאגט אזוי, ווייל מ'איז דאך אויך מחויב פאר א קריאת שמע און פאר א תפילה. ס'איז דאך אזא ענין אז א מענטש זאל האבן ריינע הענט ביי יעדע דבר שבקדושה.

**Speaker 2:** די דבר שבקדושה זאכן... ווייל דו גייסט עסן א סעודה... ווייל ס'איז עקלדיג צו עסן שמוץ. קוק אין רמב"ם, ער זאגט דעם לשון הרמב"ם.

**Speaker 1:** אבער אויב אזוי וואלט הלכות נטילת ידים באלאנגט אינגאנצן אין הלכות מאכלות אסורות. ס'באלאנגט דאך, ס'באלאנגט דאך נישט קיין דין אין הלכות מאכלות, נישט קיין דברים אסורים. ס'איז נישט שמוץ.

**Speaker 2:** אבער ס'איז א גדר אין מאכלות אסורות. ס'איז עפעס וואס מ'וויל נישט דו זאלסט עסן.

**Speaker 1:** זייער גוט, אוודאי ווילסטו זיך נישט צומאכן מיט דעם עסן. ווייל דו עסט דאך מיט דיינע הענט אויכעט. אויב מ'זאל נעמען עסן נישט מיט די הענט, האט מען נישט די פראבלעם. די גאפל איז יא, אבער מיט די הענט, אויב מ'דעקט זיך צו די הענט, דארף מען דאך נישט נטילת ידים. דו עסט עסן מיט די הענט, ס'גייט גיין די שמוץ פון די הענט אויף דאס עסן. די תפילה איז אנדערע זאכן. ווען מ'עסט דארף מען זיין ריין. אבער ס'איז אלעס געבויט אויף די זעלבע חזקה אז הענט באופן כללי, אונז טראסט אז סתם ידים זענען שמוציג.

וואס מיינט עס? איך ווייס נישט. איך זע נישט אז סתם ידים זענען שמוציג. סאו מ'דארף פרעגן. דאס איז אנדערע שאלות, ס'וועט נאך אן הלכה קומען צו.

**וואס מיינט "סתם ידים שמוציג"**

וואס מיינט סתם ידים שמוציג? שמוציג מיינט נישט אז ס'איז פארשמירט. אבער אונזערע מענטשן זענען דאך אויך געווארן מער סענסיטיוו. שמוציג מיינט אז דיינע הענט זענען נישט ריין. אז דו וואלסט נישט אנגעכאפט ברויט, ווייל ברויט כאפט זייער גרינג אריין עני באקטעריע, עני זאך וואס דו האסט אויף דיינע הענט. ס'שטייט נישט באקטעריע, ס'שטייט שמוץ.

נאכאמאל, אויב מ'האט ממש קלין באופן אזוי ווי דו זאגסט אז מ'איז נישט מוציא דעת, ביסטו גערעכט. אבער א מענטש וואס ארבעט, ער דרייט זיך קלין אין שטוב, ברוך השם, דער אייבערשטער מאכט דו ביסט א בן יששכר. ביי די זבולונים, אדער די מענטשן וואס ארבעטן פיזיש, אדער די מענטשן וואס ארבעטן אין שטוב, מאכט זיך, מ'ווערט אפט שמוציג, און נטילת ידים מאכט סענס.

אקעי, דאס איז די הכרעה פון די הלכה אז מ'דארף זיך וואשן די הענט. נאר מ'האט מיר געזאגט אז די תקנה פון שלמה המלך איז די עיקר אז מ'זאל טראכטן אז געווענליך הענט זענען שמוציג. די שאלה איז נאר לגבי וואס דארף מען חושש זיין צו דעם. די רבנים, שפעטערדיגע רבנים, האבן געזאגט אז מ'דארף חושש זיין סתם צו עסן אויכעט.

דא שטייט למשל אז פאר תפילה איז נאך מער בעיסיק. די הלכה פון תפילה דארף האבן נטילת ידים. ס'איז געבויט אויך אויף די זעלבע הלכה פון טומאת

ידים, אבער איך ווייס נישט אויב ס'איז נישט געווען פריער. איך ווייס נישט, ס'איז אן אנדערע הלכה.

**הלכה א (המשך): וכן כל דבר שטיבולו במשקה**

גיי מיר ווייטער. **"וכן כל דבר שטיבולו במשקה"**, א זאך וואס מ'עסט איינגעטונקען אין משקים, **"צריך נטילת ידים תחילה"**. חוץ די ברויט, אויך עפעס וואס מ'עסט באופן וואס איז אן אוכל ומשקה צוזאמען, צריכים נטילת ידים תחילה. איך מיין ווייל דעמאלטס קלעבט זיך גרינגער אן אדער וואס? ס'איז אזא סארט זאך.

דאס קענסטו זאגן אויב מ'טראכט פון די ענין פון... יא, אויב מ'טראכט פון די ענין פון ריינקייט. אדער אויב מ'טראכט פון די ענין פון טומאה, ווייל ס'איז מקבל טומאה דעמאלטס.

**פרק ו: נטילת ידים — דבר שטיבולו במשקה, ברכה על נטילת ידים, מים אחרונים, ומים אמצעיים**

**הלכה א (המשך) — דבר שטיבולו במשקה: מנהג הרמב"ם לעומת מנהג אשכנז**

## Speaker 1:

אבער איך זאג, אויב די ענין פון ריינקייט, קען עס זיין געבליבן א פרי — דו עסט עס, דו לייגסט אריין די פרי אין די מויל, דו עסט עס. נאכדעם פון די טבילה במשקה, דיין האנט קלאטשקעט זיך אין נאסעקייט, און ס'קען זיין א גרעבערע שמוציג.

למעשה, אונזער מנהג איז נישט צו מאכן, נישט צו וואשן זיך די הענט אויף דבר שטיבולו במשקה, נאר ביי כרפס ביים סדר אן א ברכה. פארוואס מאכט מען אן א ברכה? ווייל אונז פירן זיך שוין גאנץ יאר נישט צו מאכן א ברכה. בעצם דארף מען מאכן א ברכה אויך.

און די תוספות האט געזאגט אז די ריזען איז, וויבאלד די הלכה איז נאר משום טומאה — דאס הייסט זיי האבן נישט מסכים געווען מיט די וואס האבן געקענט דאס אויך לערנען משום נקיות. אפשר די נטילת ידים אליינס האט אויך... יא, אבער דאס איז שוין נאך א גזירה. האט די תוספות געזאגט אז מ'פירט זיך נישט עס צו טון.

אבער מדין הרמב"ם, ווייסט וואס איז די מנהג הרמב"ם? מנהג הרמב"ם איז זיך צו וואשן אויף כל דבר שטיבולו במשקה, און ממילא מנהג הרמב"ם איז אויך צו מאכן על נטילת ידים ביי אורחץ ביים סדר. ס'איז נישט צו זאגן אז נטילת ידים איז נאר א שיטת תוספות וואס רוב אשכנז'ישע אידן פירן זיך.

און כדי שלא ישאלו התינוקות, דארף מען אפשר נישט זאגן. די רמב"ם'יסטן, זייערע קינדער רמב"ם'יסטן, זיי דארפן קיין זאכן נישט פרעגן. אפשר איינמאל א יאר זאל מען פארציילן פאר די קינדער דאס איז א תקנת חכמים פון דבר שטבולו במשקה. סתם א גוטע זאך, סתם א חלק פון די תורה.

אדער קען מען לערנען אנדערע הלכות? וואס הייסט אנדערע הלכות? דו טוסט דאך דאס עניוועיס, ס'לערנט זיך אויס פאר די קינדער. מ'קען זאגן פאר די קינדער אז ס'איז יא דא א שיטה פון דבר שטבולו במשקה. ס'איז נישט קיין שיטה, ס'איז א דין, ס'איז א תקנת חכמים. ס'איז דא וואס לערנען אז היינט איז עס נישט נוגע, היינט פירט מען זיך נישט דערמיט. לכל הדעות איז דא אזא תקנה.

איך האב געזען אסאך ערליכע אידן וואס זענען מקפיד אויף דעם שוין. טבילה במשקה? יא, אוודאי.

**דיסקוסיע: וואס מיינט טבילה במשקה למעשה?**

## Speaker 2:

וואס מיינט דאס טבילה במשקה? למשל, איינער עסט א... איך ווייס נישט, מ'עסט א... אויב מ'טונקט עס איין, יא. מ'רעדט דאך פון ערליכע אידן. אדער מ'טונקט א ווערזשטעבל אין א זופ, אזוי אז מ'עסט דאס אזא זאך, יא.

## Speaker 1:

ניין, אבער וואס דאס האט צו טון מיט נטילת ידים?

## Speaker 2:

ניין, אז איינער עסט... מ'לייגט אריין א שטיקל חלה אין די...

## Speaker 1:

אקעי, חלה האט ער זיך געוואשן עניוועיס.

## Speaker 2:

מ'לייגט אריין א שטיקל ראל אין די זופ, עסט ער דאס, איז עס א דבר שטבולו במשקה. אדער עניטינג, אדער מענטשן מאכן אזא פלעטער און מ'לייגט אריין דיפס מיט ווערזשטעבלס, איך ווייס.

**הלכה ב — ברכה על נטילת ידים: "אשר קדשנו במצוותיו וציוונו על נטילת ידים"**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"כל הנוטל ידיו"**, איינער וואס וואשט זיך, **"בייך"** — זאגט דער רמב"ם, פארוואס וואשן מיר זיך? אונז רעדן דא אינמיטן הלכות ברכות, רעדן מיר לאכילה, אבער פריער האבן מיר געלערנט קריאת שמע און תפילה. אויף די אלע איז דא א ברכה תחילה, **"אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת ידים"**.

מ'האט שוין אויסגערעכנט פריער די... אזוי מאכט ער די ברכה? ער האט דאך געזאגט פריער אז ס'איז א רשות. **"מצות חכמים היא"** — ס'ווערט גלייך שווער אויפ'ן רמב"ם. דער רמב"ם האט דאך נישט געברענגט דא א פסוק אז ס'איז א דאורייתא זיך צו וואשן.

ס'איז דא שיטות אז ס'איז א דאורייתא, און מ'לערנט עס ארויס פון...

## Speaker 2:

ניין, דאס האבן מיר יעצט געלערנט, אז לכל הדעות איז עס מדרבנן.

## Speaker 1:

יא, דער רמב"ם זאגט קלאר, אבער די גמרא האט דא א שיטה אז "והתקדשתם" אדער אנדערע זאכן, אבער ס'איז מער רמזים. אבער די מצוה איז בעיקר א מצוה דרבנן.

**קשיא: וויאזוי זאגט מען "אשר קדשנו במצוותיו" אויף א מצוה דרבנן?**

און אויב אזוי, וויאזוי קען מען זאגן "אשר קדשנו במצוותיו"? זאגט ער, **"שהרי זו מצות חכמים, וציוונו בתורה לשמוע מהם, שנאמר 'לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך', ועל פי התורה אנו שומעים להם"**.

פשט איז, ווען איינער טוט א מצוה דרבנן, געבט ער דעם כבוד פאר די תורה. פארוואס טוט ער די מצוות דרבנן? ווייל ער טוט די אייבערשטער'ס מצוות, ער ווייל מקדש ווערן מיט די אייבערשטער'ס מצוות.

יא, די רמב"ם שפעטער, האב איך געדענקט, איז מסביר אין אנדערע ווערטער. יא, אין פרק י"ד איז די רמב"ם מסביר אז ווען מ'זאגט "אשר קדשנו במצוותיו וציונו על נטילת ידים", דארף מען אריינטראכטן אין קאפ **"כל שציונו במצוותיו לשמוע על דברי חכמים, שהם ציוונו על נטילת ידים"**. נישט אז "ציונו" דירעקט איז נישט ריכטיג, "ציונו" אינדירעקט. די אייבערשטער'ס ציווי גייט אמת'דיג אויף די מצוה פון "לא תסור", על פי התורה, זאגט די רמב"ם דא.

**חידוש: די מצוה איז לשמוע דברי חכמים, נישט נטילת ידים אליין**

און איך זאג אויך די עפעקט, "אשר קדשנו" מיינט אז מיר זענען אנדערש און מיר זענען... לויט די רמב"ם מיינט די מצוה דא. איך זאג, אבער די נטילת ידים, אפילו ס'איז א דרבנן, איז אבער אויך דא נעמען די קדושה, ווייל נטילה איז וועגן... אזוי ווי דו זאגסט, דא נעמען א ליניע פון נקיות.

אבער לויט ווי די רמב"ם לערנט, מ'קען טאקע לערנען אנדערש, אז לויט ווי די רמב"ם לערנט, איז די מצוה וואס איז דא איז נישט מצות נטילת ידים, ס'איז די מצוה לשמוע דברי החכמים, וואס בכלל תקנותם איז מצות נטילת ידים.

**הלכה ב (המשך) — מים אחרונים: אין מברכין עליהם שאינו אלא מפני הסכנה**

### Speaker 1:

מים אחרונים, ער האט געזאגט תחילה וסוף, מ'וואשט זיך פאר'ן עסן און נאכ'ן עסן. די מים אחרונים, ער האט געזאגט סוף, די מים סופיים, **אין מברכין עליהם, שאינו אלא מפני הסכנה.** ווייל מים אחרונים איז געמאכט געווארן מפני הסכנה, אזויווי די גמרא זאגט אז ס'איז דא עפעס א געוויסע זאלץ סדומית וואס דרייט זיך ארום ביי עסן, און ס'איז א סכנה אויב מ'לייגט עס אויף די אויגן.

די רמב"ם גייט עס זאגן, מילא דארף מען זיך וואשן, אבער קיין ברכה מאכן מיר נישט, ווייל וואס איז די מצוה? ס'איז וועגן סכנה.

**חידוש: פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף מים אחרונים — סכנה דארף מען נישט פרעגן**

אה, איך האב זייער א גוטע פשט. ווייל אזוי, אז ווען א מענטש געבט זיך אכטונג וועגן סכנה, זאל ער עס נישט טון ווייל אזוי שטייט אין די תורה, נאר ווייל ס'איז א סכנה.

### Speaker 2:

איך הער.

### Speaker 1:

ווייל אויב נישט, הייבט זיך אן אזוי, איך ווייס, לאמיר זאגן אז ס'איז דא א גרויסע מגיפה אויף די וועלט, מענטשן שטארבן פון עפעס א מגיפה וואס ברענגט די לונגען זאלן פלאצן, און מ'זאגט מ'זאל זייער שטארק אכטונג געבן, הייבט מען אן זיך מפלפל זיין, ס'זאל זיין א דין מגיפה, צו א מגיפה דארף זיין פערציג מענטשן, און אזוי ווייטער. ווייל סכנה איז פאר זיי א הכנה צו טון די דבר ה', אבער דא איז סכנה אליין די דבר ה'.

די אייבערשטער וויל "וחיית בהם". איינער וואס איז מנאץ סכנה, ווייל ער מאכט נישט יעצט קיין ברכה. ער זאגט נישט אז ער וואשט זיך וועגן דער אויבערשטער האט געהייסן, ער וואשט זיך וועגן ס'איז א סכנה. סכנה דארף מען נישט פרעגן מער. און דעם שטייט "הנשאל הרי זה מגונה" ביי א סכנה. סכנה דארף מען זיין... ס'איז גענוג סכנה און נישט דא מער. סכנה איז די ערגסטע זאך, און דארפסטו יעצט טראכטן מיט א ברכה? שנעל וואש דיך, שנעל ראטעווע דיך פון די סכנה.

**דיסקוסיע: סכנה דארף מען מער נזהר זיין ווי א תקנת חכמים**

### Speaker 2:

און לפי זה, איך וועל דיר פירן, וואס איז דיין פשט?

### Speaker 1:

ניין, ניין, לפי וואס איך האב געזאגט, במילא דארף מען נאך מער נזהר זיין, נישט ווייניגער נזהר זיין ווייל ס'איז א סכנה. לויט דעם פשט שטימט זייער גוט די צוויי לשונות, אז א סכנה דארף מען מער נזהר זיין ווי א תקנת חכמים.

### Speaker 2:

מען דארף טראכטן, ווייל לויט וויאזוי דו האסט געזאגט, איז די גאנצע זאך סכנה, און דאס איז נאר א סך א גרעסערע סכנה.

### Speaker 1:

די גאנצע זאך איז א סכנה ווייל דו גייסט עסן שמוץ וואס איז נישט געזונט פאר דיר, ס'איז נישט גוט פאר דיר. ס'איז ממש מער א דירעקטע סכנה. אבער ס'איז די זעלבע קאטעגאריע.

### Speaker 2:

נקיות מיט סכנה איז נישט די זעלבע זאך. נקיות איז אן איידלקייט, אבער דאס איז נאך א סך א גרעסערע סכנה.

### Speaker 1:

יא, שמוץ, דו שטארבסט נישט. איך מיין, אז דוד המלך עליו השלום האבן די חכמים פארשטאנען אז ס'איז ממש א סכנה.

**מים אחרונים היינט — צי ס'איז נוגע**

מען דארף וויסן היינט, דער וואס וואשט זיך מים אחרונים היינט, דארף מען לכאורה די נאכט מער נישט, ווייל מ'ווייסט נישט פון מלח סדומית. אבער ווייסט וואס מאכט אזוי? ס'שטייט נישט נאר אזוי, ס'איז נישט איך זאג אזוי, ס'שטייט נישט נאר אזוי אז מ'דארף נישט.

דער וואס וואשט זיך יא, טוט ער עס נישט מפני הסכנה, ער טוט עס סתם ווייל ער מיינט אז אזוי האבן די חכמים מתקן געווען. און טאקע מפני הסכנה בלייבט עס א תקנה אפילו שלום מפני הסכנה, אבער מ'דארף שוין מאכן א ברכה.

### Speaker 2:

אה, לכאורה נישט מאכן א ברכה.

### Speaker 1:

איך זאג אפילו ער זאל מאכן א ברכה, איך וואלט נישט געזאגט אז ער זאל מאכן א ברכה, אבער איך וועל דיר דאס אריינברענגען אין מים אחרונים.

מ'קען אויך זאגן, איך פארשטיי, ווייל דו ווייסט נישט פון די סכנה, איז שוין איינער מתיר מיט די סכנה, טוסטו עס נישט וועגן "אשר קדשנו במצוותיו וציוונו" על סכנה. דו טוסט עס נישט ווייל ס'איז א סכנה, ס'איז אזוי ווי אן עצה טובה. דו טוסט עס אלס א יומען ביאינג, נישט אלס א איד. דו ביסט נישט מיוחד מיט דעם אז דו וואשט דיך מים אחרונים.

### Speaker 2:

אכן, אכן.

### Speaker 1:

אין מים אחרונים, אפילו ס'שטימט, אפילו ער זאגט אז ס'איז נקיות, אבער איינער וואס איז נישט קיין איד, ער איז נישט אזוי הייליג, פירט זיך נישט אזוי. אונז זענען מקפיד אויף נקיות, אבער די וועלט איז נישט אזוי מקפיד אויף נקיות. ס'איז א העכערע לעוועל אין נקיות. אבער די נקיות וואס דו טוסט עס איז בעצם א נקיות פון חכמים.

### Speaker 2:

איך הער.

### Speaker 1:

ס'איז נישט אזוי ווייט אזוי אז דער וואס טוט עס היינט טוט ער עס נישט, ס'איז שוין מער נישט קיין סכנה.

### Speaker 2:

ניין, איך בין מסכים מיט דיר.

**דיסקוסיע: פארוואס וואשט מען מים אחרונים היינט — נקיות אדער סכנה?**

### Speaker 1:

אבער דער אמת איז, נאכאמאל, פארוואס דער וואס וואשט זיך מים אחרונים היינט, פארוואס וואשט ער זיך מים אחרונים? איז אדער משום נקיות, דאס איז די חילוק. דאס מאכט גראדע סענס, ווייל ביים עסן ווערט מען יא שמוציג אביסל די הענט. הגם דאס איז נישט שמוץ, ס'איז עסן, ס'איז נישט אזוי ווי פארן עסן וואס איז שמוציג.

### Speaker 2:

דערפאר זאג איך דאך די חילוק. אויב איז מיר געווארן עכט שמוציג, העלפט נישט די ביסל מים אחרונים וואס אונז טוען. מ'גיסט נישט קיין רביעית.

### Speaker 1:

ניין, אבער מ'דארף יא טון. העלאו, אויב איז מיר שמוציג, דארף מען זיך גיין וואשן. אונז טוען מיר עפעס אזוי האלב וועגס.

### Speaker 2:

איך ווייס שווער איז אונז.

## Speaker 1:

איך זאג דאך וואס די הלכה איז. ווייל מיר רעדן וואס מענטשן טוען אין דערהיים.

## Speaker 2:

וואס די נקודה איז, אז אויב מים אחרונים, פארוואס איז מים אחרונים?

## Speaker 1:

איך בין נאר מסביר. אפילו מ'וועט זאגן אז מים אחרונים איז משום נקיות, אויך איז דאך דא "והתקדשתם והייתם קדושים", צוויי טעג מרור איז ווי מים אחרונים. פון דעם זאגט די גמרא, אויב אזוי איז עס נישט דא קיין מעלה צו וואשן זיך האלב וועגס. "והתקדשתם" איז א געוויסע נקיות, דו קענסט בענטשן מיט ריינע הענט.

פרעג איך דיך, אויב אזוי, פארוואס מאכט מען א ברכה? ס'איז דאך די זעלבע זאך ווי מים אחרונים.

## Speaker 2:

די חילוק איז אז ס'איז נישט שמוץ, ס'איז דאך עסן. ס'איז נישט פשוט אז ס'איז שמוציג. ס'איז נישט אזוי ווי ס'איז געגאנגען אינדרויסן, איך ווייס וואו.

## Speaker 1:

ס'איז א חילוק, ס'איז נישט קיין סתירה. ס'איז נאך אן איידעלערע לעוועל פון... אז ס'איז ממש ריין. ס'איז נישט קיין סתירה. וואס מ'טוט היינט מאכט יא סענס, ווייל מ'מאכט ווייניגער, ווייל ס'איז נישט אזא ממש א שמוץ, אבער ס'איז א וואש-אפ. ס'איז נישט אזא פראבלעם, פארשטייסט?

לויט קבלה איז דא אן ענין אז ס'זאל זיין ווייניגער. פשוט, אפילו פשוט'ע פשט, ס'איז דאך א פאני תורה יענץ, ווייל יענץ מיינט די חילוק איז די שמוץ. פארשטייסטו וואס איך זאג? די חילוק איז די וואסער, נישט די חילוק איז די שמוץ. די חילוק איז די וואסער, נישט די חילוק וויפיל וואסער מ'נוצט. אבער לויט חסידות איז דא אן ענין אין דעם. ס'איז נישט קיין סתירה.

למעשה, געווענליך דער וואס איז מקפיד אויף מים אחרונים האט ריינע הענט ווען זיי בענטשן. ס'איז נישט קיין אפגעפרעגטע זאך.

**הלכה ג — מים אמצעיים (נטילה צווישן תבשיל לתבשיל)**

## Speaker 1:

שוין. זאגט דער רמ"א ווייטער, וואס איז מיט נטילת ידים? נישט פאר מ'הייבט אן די גאנצע סעודה, נאר אויב א מענטש וויל מחמיר זיין, ער וויל מאכן נטילת מים אמצעיים רופט מען עס, נטילת ידים מיינט טפל לטפל, צווישן צוויי פארטס פון די סעודה. איז רשות. אויף דעם איז נישט דא קיין מצוה. ווייל חכמים האבן נאר מתקן געווען פארדעם און נאכדעם, אבער זיי האבן נישט מתקן געווען אינמיטן.

אזוי גייט דער הייליגער ראב"ד, זאגט טאקע, אז די פריערדיגע גאונים האבן יא געמאכט א ברכה על הרחיצה.

**הלכות נטילת ידים: מים אמצעים, נטילה על פירות, מים אחרונים, ושיעורי נטילה**

**הלכה: מים אמצעים — נטילת ידים בין תבשיל לתבשיל**

אבער אויב א מענטש וויל מחמיר זיין, ער וויל מאכן נטילת מים אמצעים, רופט מען עס, נטילת ידים בין תבשיל לתבשיל, צווישן צוויי פארטס פון די סעודה, איז רשות. אויף דעם איז נישט דא קיין מצוה, ווייל די חכמים האבן נאר מתקן געווען פארדעם און נאכדעם, זיי האבן נישט מתקן געווען אינמיטן.

אבער די הייליגע ראב"ד זאגט טאקע, ניין, אויף די עדה וואס האבן געווען... דאס איז געווען די גמרא מחלוקת, זאגט די ראב"ד אז מ'קען יא מאכן א ברכה "על רחיצת ידים". די פריערדיגע גאונים האבן יא געמאכט א ברכה "על רחיצת ידים"? אבער זיי האבן נישט געוואשן נטילת ידים, זיי האבן געזאגט רחיצת ידים. דארף מען מאכן א ברכה. מים אחרונים דארף מען נישט, ווייל דעמאלטס איז שוין צוריק נאר משום סכנה.

סאו אויב איינער עסט טשולנט, איך ווייס נישט פארוואס ער עסט נישט מיט א לעפל, און ער ווערט שמוציג, לויט די שיטה פון די ראב"ד דארף מען מאכן א ברכה. אויב איינער עסט פיש מיט די הענט, יא, זייער גוט, פארדעם די חסידים עסן פיש מיט די הענט, דעמאלטס איז ער מחויב, אבער ער מאכט נישט קיין ברכה. סאו ער דארף מאכן א ברכה בין תבשיל לתבשיל. אויך איז דא אן אנדערע זאך, ס'איז דא א מין... וואס איז איינער פון נקיות, יא. רצה נוטל, רצה אינו נוטל. און אזוי זאגט די הייליגע ראב"ד. פארוואס פירט זיך קיינער נישט אזוי ווי די ראב"ד? ווייל ער ווייסט נישט אזוי, די ראב"ד זאגט אז מ'זאל מאכן "על רחיצת ידים".

**הלכה ג: נטילת ידים על פירות — "הרי זה מגסי הרוח"**

שוין, זאגט די רמב"ם, פירות, דאס אלעס וואס מ'האט גערעדט איז געווען וועגן פת. זאגט די רמב"ם, **פירות של חולין, אינו צריך נטילת ידים לא בתחילה ולא בסוף. וכל הנוטל ידיו לפירות הרי זה מגסי הרוח.**

אבער ער רעדט דאך פון פירות וואס איז נישט קיין פירות וואס איז דבר שטיבולו במשקה. אבער אויב מ'עסט פירות וואס איז אויך אזוי ווי "ידיו שרויות במשקה", א מענטש שניידט אויף אן אראנדזש, ס'גיסט זיך די זאפט, ער האט דאך דא משקה, און מ'דארף וויסן וואס דבר שטיבולו במשקה איז. אויב האט ער פשט אז ער עסט אוכל און משקה אויף אמאל, איז דאך לכאורה דא אן ענין פון משקה. אן עקסטערע משקה? ווען עפעס וואס מ'טובל'ט אין א משקה, אקעי.

**דיסקוסיע: פארוואס איז נוטל ידיו על פירות א "גס רוח"?**

זאגט די רמב"ם, **פירות של חולין אינו צריך נטילת ידים לא בתחילה ולא בסוף. וכל הנוטל ידיו לפירות**, איז פשט אז ער מאכט א חומרא, ער ווייזט אז ער איז פרומער ווי ער דארף, **הרי זה מגסי הרוח.** א בעל גאוה? אה, גוט. זייער אכטונג געבן. מ'טאר נישט זיין קיין בעל גאוה. וואס איז זייער וויכטיג, נישט זיין פרומער פון קיין צווייטער איד. וואס ערשטנס ווערט דערמאנט אסאך מאל נישט לכל חילוקי דעות אין רמב"ם, מ'טאר נישט זיין קיין גס רוח. רבותי, שטארק אכטונג געבן, נישט זיין נוטל ידיו על פירות. יא, איך בין נישט מקבל אז ער דארף נישט זיין א גס רוח. איך ווייס נישט. אקעי. ס'איז דא איינער וואס זאגט אז יענער איז א גס רוח. אויך טאר מען נישט זיין א גס רוח.

סאו יעצט גייען מיר לערנען די הלכות פון מים אחרונים. דו ביסט נישט מסכים אז דו גייסט דיך פירן נישט קיין גס רוח? סאו דו גייסט דיך פירן יא? ניין, דו ביסט א חשוב'ער איד. וואס איז טאקע פשט? פארוואס איז נוטל ידיו על פירות... ס'מיינט זיכער נישט ווייל ער איז א מער קלינער מענטש. מ'מיינט דאך ווען ער נוטל ידיו על פירות ווייל ער מיינט אז ער טוט א מצוה, ער מאכט נישט קיין ברכה, אבער ער מיינט אז ער טוט דא א מצוה. און פארוואס איז ער א גס רוח? מ'קען זאגן אז ער איז אן עם הארץ, מ'קען זאגן אז ער... אקעי, איך ווייס נישט. ס'איז אן ענין פון יוהרא, זעט אויס.

מ'דארף וויסן, ביי אזא מין הלכה, ס'קען זיין אז ס'איז געווען איינער וואס האט געהאט אזא מנהג, און למעשה האט מען געזאגט אזא יושב, מ'דארף נישט. ס'איז אפשר די קאנטעקסט פון די זאך וואס איז יוהרא. געווענליך די זאך איז געווען אז ס'איז געווען עפעס א קאלט, עפעס א חברה, וואס זיי האבן זיך געמאכט דארטן חברה גסי רוח. ס'איז געווען עפעס אזא קאוד נאמען פאר די פרומע וואס האבן געפירט דארטן די רבנות, עפעס א רב צדיק, עפעס א חברה. נאר אסאך מאל דארף מען נישט אפילו טראכטן, ווייל די תנאים זענען אויך געווען ראש ישיבות, און ס'האט זיך געמאכט דארטן חברה וואס האבן געוואלט זיין פרומער ווי די ראש ישיבה. איז קען זיין אז ער איז פון די גסי רוח פון יענע טיש און יענע טיש, וואס זיי ווייסן פון ווען איך מיין דארטן. מ'דארף וויסן, וועגן דעם שטימט דארטן פונקט די ציור אז ער איז א גס רוח.

**הלכה ד: מים אחרונים — "כל פת שמלח בו" / "כל אס המלה"**

זאגט דער רמב"ם, וואו מ'מאכט מים אחרונים? זאגט דער רמב"ם, **"כל אס המלח"**, אלעס וואס מ'עסט מיט זאלץ. אה, דיין גירסא איז א בעסערע גירסא, **"כל פת שמלח בו"**. דא, אבער "אס המלח" איז די לשון א... ניין, דו מיינסט די גירסא. דאס איז מאכל. **"כל פת שמלח בו"**, יעדע פת וואס האט אין זיך אינוואלווד מלח. דאס איז די לשון פון די רמב"ם. יא, אבער אין אנדערע גירסאות איז **"כל אס המלח"**, אלע עסן וואס קען האבן אין זיך זאלץ. ניין, ס'איז דא א גרויסע חילוק. **"כל פת"** מיינט נאר פת. און **"כל אס המלח"** מיינט אויף עניטינג. פארשטאנען? עניטינג. אויף דעם איז דער ראב"ד דאך מים אחרונים פאר מאכן בורא נפשות. דער ראב"ד איז מחולק טאקע אויף די נקודה. דער ראב"ד האט געהאלטן אז **"כל אס המלח"** קומט אויס... אה, דער ראב"ד האט געהאט א גרעסערע קול פאס און ער איז מוחה אויף דעם? ניין, פארקערט. קוק, קענסטו זען, יא. וואס איז ער קעגן די מעשה אין גמרא אז מ'דארף זיך וואשן אויף יעדע זאך?

נאכאמאל, זאגט דער רמב"ם קודם. ריעד, ווי העוו טו ריעד די רמב"ם מאר. מיר הייבן אן צו רעדן וועגן דעם רמב"ם פאר מיר ליינען פאר דעם רמב"ם. איך קען נישט גיין צווישן די ראדס.

**"כל אס המלח"**, אלעס וואס מ'עסט וואס האט מלח, לכאורה, צוליב די מים אחרונים, דארף מען אויך דאך וואשן מים אחרונים, **"שמא יש בה מלח סדומית"**. אפשר איז דא מלח סדומית. סדום, דו ווייסט, סדום זענען געווען רשעים, זיי האבן נישט געלאזט מענטשן געבן הכנסת אורחים, זיי האבן געשטערט אידישע סידות, אדער אידישע סידות, זיי האבן געשטערט אידישע סידות. דארף מען זיך וואשן מים אחרונים. זיי זענען איינגעזאלצן געווארן. **"או מלח"** — אדער דארף מען דאך... **"כתבה כתבה מלח סדומית"**, יא, אדער... עס קען מאכן פראבלעמס פאר די אויגן. **"ויעבר על עיניו ויסמא"**, עס וועט אים ווייטון אין זיינע אויגן, עס וועט אים בלינד מאכן. איך זאג דיר די עברי טייטש. עס מאכט וויינען, עס איז א לאגע וואס מאכט וויינען. די זאלץ פאר די אויגן מאכט וויינען. **"לפיכך חייב אדם ליטול ידיו בסוף כל סעודה מפני המלח"**.

סא דער רמב"ם זאגט כאילו, בעצם יעדע זאך וואס מ'עסט מיט זאלץ, אדער וואס עס קומט זאלץ, וואלט מען געדארפט וואשן די הענט וועגן די חשש פון די דענדזשערעס זאלץ. ממילא זאגט ער, אנשטאט צו זאגן אז יעדע מאל וואס מ'וואשט זיך די הענט זאל מען וואשן מיט זאלץ, זאגט ער, יעדע מאל וואס מ'עסט א סעודה, וואס געוועגליך אין א סעודה קומט זאלץ, זאל מען זיך וואשן די הענט. דאס איז די הסבר פון דעם רמב"ם.

סא דער ראב"ד קריגט, וואס וויל ער לערנען? סא דער ראב"ד זאגט, איך ווייס נישט וואס דער ראב"ד זאגט, אז ער דארף לערנען די גמרא און ער זעט א חילוק אין די... איך ווייס נישט. איך ווייס נישט וואס דער ראב"ד זאגט. אין די גרייז פארשטיי איך, מ'דארף לערנען די גמרא. און איך ווייס נישט פראקטיש צו ס'קומט אויס א נפקא מינה. איך זע נישט אז ס'קומט אויס א נפקא מינה פראקטיש. שטייט דאך אזוי? יא. זייער גוט.

איך ווייס שוין כאטש ווער דער רבי צו אישה דא איז.

**מים אחרונים במחנה — אפילו במלחמה איז מים אחרונים חובה**

ווייטער, זאגט דער רמב"ם, **"עד היכן נטילת ידים?"** און **"נזיר חייב לנטור את עצמו מן המלך"**. זאגט דער רמב"ם, **"במחנה"**, ווען מ'גייט ארויס אין מלחמה און מ'געפינט זיך אין די... וואס רופט מען "במחנה"? אין קעמפ, יא, **"פטורים מנטילת ידים"**, תחילה מ'איז פטור פון נטילת ידים, **"לפי שאין טרודין במלחמה, והם אינם מקפידים על הנקיות"**. אינטערעסאנט. א גאנצע מלחמה איז דאך ווי ס'שטייט דארט "והיה מחניך קדוש". אבער אלעס איז טאקע אזוי, אז מ'דארף זיך היטן. מ'איז מקיל, מ'איז מקיל. אבער "מכללם אתה למד" אז מ'דארף. אבער **"בחיוב מן הסכנה"**, דער מלח סדומית דארף מען אוודאי נאך מער מקפיד זיין. איך מיין נאך מער, אבער פונקט אזוי, מן הסכנה. סכנה טוישט זיך נישט.

זאגט ער ווייטער, **"עד היכן נטילת ידים?"** יא. סאו עד כאן, דאס איז... אה, מיין מחנה העלפט נישט, ווייל אפילו אין די מחנה האסטו נישט קיין טרחה, אז ס'איז נישט קיין ענין צו שטארבן פון די מלח סדומית. סאו דאס דארף מען טון אפילו במחנה, וואס די חכמים זאגן, "אונז קענען באשטיין צו דו טוסט נישט אונזערע תקנות, אבער פליז, שטארב נישט."

**הלכה ה: עד היכן נטילת ידים — "עד הפרק"**

**"עד היכן נטילת ידים? עד הפרק."** אקעי, דאס מיינט וויפיל אין די האנט, ביז וואו אין די האנט? ביז דער פרק מיינט דער ביין וואס איז קעגן די פאלם מיט די גרעסערע האנט, יא. לכאורה, אונז האבן געלערנט שוין פריער אז ס'איז דא א מחלוקת וועגן דעם. ס'איז דא וואס זאגן אז "עד הפרק" איז טייטש ביז דא, ביז די ענדע פון די אצבעות, און ס'איז דא וואס זאגן אז ס'מיינט ביז דא. אונז פירן זיך מחמיר זיין, אבער ס'איז א מחלוקת ראשונים. וועגן דעם, אויף יום כיפור אדער תשעה באב, איז מען מחמיר אויף נטילת ידים, און מ'איז מקיל כביכול אויף נטילת ידים, ווייל אונז האבן מורא פון די חשש רחיצה. יא, ס'איז נישט קלאר. עס זעט אויס אז די עיקרא הלכה, אפשר איז אז ס'מיינט ביז סוף אצבעותיו, אבער ער ברענגט אז דער רי"ף האט געזאגט, די מחלוקת רש"י און דער רי"ף שטייט דא, דער רי"ף האט געזאגט אז ס'מיינט ביז די ענדע פון די זרוע, ביז די פאלם, און רש"י האט געזאגט אז ס'מיינט ביז סוף אצבעותיו.

לכאורה, די אלע הלכות וואס מיר גייען לערנען שפעטער אז א רביעית איז גענוג, מאכט עס אסאך מער סענס אז מ'רעדט פון רש"י'ס שיטה, וואס איז אסאך קלענער. אבער אקעי, ס'קאסט נישט קיין געלט, קען מען מאכן אויף ביידע.

**שיעור המים — רביעית לכל שתי ידיים**

יא. **וכמה שיעור המים? רביעית לכל שתי ידיים**, א רביעית פאר אלע צוויי הענט. א רביעית איז בערך דריי אונסעס, און דריי אונסעס איז גענוג פאר צוויי גאנצע הענט. שטימט? דאס איז די מינימום שיעור. אז איינער מאכט מער, איז דאס מער קלין, אבער דאס איז די שיעור. ווייניגער פון דעם איז נישט יוצא.

אויב מ'נוצט אזוי ווייניג וואסער, אבער מ'ווישט זיך גלייך נאכדעם אפ, העלפט עס? אודאי. באלד וועלן מיר זען אז מ'איז נישט צו פארנומען.

**דיני חציצה בנטילת ידים**

זאגט ער, וואס טוט זיך וועגן אויב דו האסט עפעס א חציצה אויף די הענט? זאגט דער רמב"ם, פאר דין חציצה, קוק אריין אין הלכות טבילה און הלכות מקוואות אדער אין אנדערע פלעצער פון דער רמב"ם, און דארטן איז דאס מסביר באריכות, וואס ער גייט נישט דא איבערברענגען. אלעס וואס איז דארט א חציצה איז א חציצה אין נטילת ידיים, למשל, עפעס וואס באלאנגט נישט דארטן, און אזוי ווייטער.

זייער גוט. דער כלל פון הלכות חציצה איז וואס שטייט אין די גמרא: רובו ומקפיד איז מדאורייתא, און די רבנן האבן גוזר געווען אויף מיעוטו ומקפיד, אדער רובו ואינו מקפיד. לכאורה, ביי נטילת ידיים גייט עס אויף די גאנצע הענט, אבער מיעוטו ואינו מקפיד איז נישט קיין פראבלעם. דאס איז דער כלל.

**וואס עולה למדת מקוה עולה לשיעור רביעית**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **וכל העולה למדת מקוה**, אלעס וואס מ'קען מיט דעם מצרף זיין צו די שיעור מקוה, למשל מ'מיינט ארבעים סאה, אנצוקומען צו די שיעור ארבעים סאה, **עולה לשיעור רביעית**. אויב ווילסטו וויסן וויאזוי מ'קען מצרף זיין, דו האסט צו ווייניג וואסער, קענסטו צוגיסן אביסל שניי, אזעלכע סארט זאכן, ס'איז דא פאטענטן אין הלכות מקוה. יעצט קענען אונז לערנען, מיר האבן יעצט געלערנט אז מ'האט נטילת ידים. יעצט איז דא, ס'איז אויך דא אזא זאך וואס הייסט טבילת ידים. טבילת ידים איז די טייטש אז מ'טובל'ט זיך די הענט אין א מקוה. אנשטאט פון זיך וואשן די הענט מיט די שיעור וואס מיר האבן יעצט געלערנט, א שיעור רביעית, קען מען זיך טובל'ן די הענט אין א מקוה.

וואס איז די חילוק? קען מען שוין זען די חילוק. איינער וואס איז אין א מקוה, ער האט שוין גערייניגט זיינע הענט דורכ'ן טובל'ן. ער דארף נישט האבן קיין כלי, ער דארף נישט האבן קיין כשר'ע כלי. אויב איינער גייט אין די מקוה, ער דארף נישט האבן קיין כשר'ע כלי. אויב איינער גייט אין די מקוה, ער דארף נישט האבן קיין כשר'ע כלי.

### טבילת ידים און נטילת ידים — די פיר תנאים און פסולים אין וואסער

#### טבילת ידים vs. נטילת ידים

יעצט, זאגט דער ראב"ד ווייטער, יעצט גייען מיר לערנען, מיר האבן יעצט געלערנט אז ס'איז דא נטילת ידים. יעצט איז דא, ס'איז דא נאך אזא זאך וואס הייסט טבילת ידים. טבילת ידים איז די טייטש אז מ'טובל'ט זיך די הענט אין א מקוה. אנשטאט פון זיך וואשן די הענט מיט די שיעור וואס מיר האבן יעצט געלערנט א שיעור וויאזוי, קען מען זיך טובל'ן די הענט אין א מקוה.

וואס איז די חילוק? קען מען שוין זען די חילוק. **כל המטביל ידיו במים מקוה אינו צריך לדבר אחר**, ער האט שוין גערייניגט זיינע הענט דורכ'ן טובל'ן. זייער גוט. אויב איינער האט נישט קיין כשר'ע, אויב איינער גייט אין א שיף, איך ווייס וואס, ער טרעפט נישט קיין טעפל, איך ווייס וואס, ער זאל גיין אין מקוה און איינטונקען די הענט.

אבער דעמאלטס דארף ער זיין מקפיד אז ס'זאל זיין א כשר'ע מקוה. אה, ס'איז נאר טאקע אויב ס'איז א כשר'ע מקוה. **אבל טבילה במים שאובין שיעור מקוה, אדער במים שאובין שבקרקע**, וואס דאס איז נישט כשר, וואס איז מים שאובין, **לא עלתה לו**, ער האט גארנישט אויפגעטון. **שהרי אין מים שאובין מטהרין את הידים אלא בנטילה.** ס'איז דא א דין אז נטילת ידים געווענליך איז מיט נטילה. נטילה מיינט נעמען מיט א כלי. און דא, א דין מקוה האט עס נישט, און דו טונקסט עס איין שוין נישט באופן וויאזוי די חז"ל האבן מתקן געווען נטילת ידים, ס'דארף זיין גיסן אויף די הענט. זאגט ער, דו קענסט זאגן צוויי.

#### דער ראב"ד'ס קשיא

און דא קומט דער ראב"ד און ער וואונדערט זיך, און ער זאגט, וואס הייסט אז מים שאובין טויגן נישט בקרקע? ער זאגט, אפילו א בעל קרי, אויב ס'איז דא ארבעים סאה, אפילו אויב ס'איז מים שאובין, איז ער עולה לו טבילת בעל קרי. סאו וואס איז פשט אז ס'זאל זיין א מקוה וואס איז העלפט אויף דאורייתא'ס, וואס זאל נישט זיין גענוג עפעס אזא מקוה וואס איז גענוג פאר טבילת עזרא?

#### צוויי באזונדערע סיסטעמען

אבער דאס איז זיכער קלאר אז ס'איז דא צוויי זאכן, טבילת ידים און נטילת ידים, און זיי האבן זייער אייגענע הלכות. טבילת ידים דארף זיין ארבעים סאה, לויט'ן ראב"ד קען עס אפילו זיין שאובין. און נטילת ידים דארף זיין, ס'ארבעט טאקע מיט שאובין, און ס'ארבעט טאקע מיט זאכן וואס זענען פסול פאר א מקוה, אבער מ'דארף זיין מקפיד זיין אויף די הלכות פון יעצט, אז ס'זאל זיין א כלי, ס'זאל זיין נטילה, ס'זאל זיין מיט כח, דו קענסט נישט איינטונקען די שיעור, ס'דארף זיין ארויפגעגאסן אויף די הענט.

#### א מעיין

זאגט דער ראב"ד ווייטער, **כל הנוטל ידיו**, נטילת ידים האט פיר תנאים, **צריך להזהר בארבעה דברים**, מ'דארף מקפיד זיין אויף פיר זאכן. **במים עצמן**, אז ס'איז דא זאכן אז די קוואליטי פון די וואסער, און א מים אויב איינער פאלט אריין א טראפ, דארף מען וויסן אז למעשה איז דא א מחלוקת, דער בית יוסף ברענגט די מחלוקת הרמב"ם והראב"ד צו מ'דארף ארבעים סאה בקרקע. מים שאובים, ס'דארף זיין נישט שאובים, אבער א מעיין וואס ס'פליסט די וואסער איז לכל הדעות קען מען אריינשטעקן די הענט. אפילו ס'איז נישט קיין ארבעים סאה, אפילו ס'איז נישט קיין ארבעים סאה, אפילו... ס'ליגט אין א פלאץ, אויב ס'לויפט קען מען אריינשטעקן די הענט און ס'איז כשר.

### הלכה ז — די פיר תנאים אין נטילת ידים

זייער גוט. זאגט דער רמב"ם ווייטער, די פיר זאכן דארף מען אכטונג געבן אין נטילת ידים. **במים עצמן**, מען דארף קוקן אויף די וואסער, אז די וואסער זאל נישט זיין די מין וואסער **שלא יפסלו נטילת ידים**, וואס ער גייט אויסערעכענען. און די אלע זאכן גייט ער אויסרעכענען מער אין דעטאלן. **ובשיעור**, די שיעור פון וויפיל וואסער האט ער שוין גזאגט, אז ס'זאל זיין רביעית פאר צוויי הענט צוזאמען. דאס איז נישט קיין סאך וואסער. **ובכלי, שיהיו המים שנוטל מהן בכלי**, מ'זאל גיסן די וואסער דורך א כלי דוקא. **ובנוטל, שיהיו המים באין מכח נוטל**, אז איינער זאל עס גיסן, ס'זאל נישט ווערן געגאסן פון זיך אליין.

### הלכה ח — פיר פסולים אין וואסער

זאגט דער רמב"ם, **במים ארבעה דברים פוסלין את המים**, פיר זאכן. ער האט אנגעהויבן מיט פיר זאכן, ער זאגט אין מים איז דא פיר תנאים יעצט.

#### שינוי מראה

**שינוי מראה**, עפעס וואס טוישט די קאליר פון די וואסער פאסל'ט.

#### גילוי

**גילוי**, אויב די וואסער איז געווען בגילוי. אמאליגע צייטן איז מען מער מקפיד געווען אויף גילוי, אז ס'איז געליגן אפן, און ממילא האט געקענט א שלאנג אריינשפייען אדער אזעלכע זאכן, ס'ווערט שמוציג. נישט שמוציג, ס'ווערט אסור צו טרינקען, ס'ווערט א סכנה, ס'ווערט נישט שמוציג. וויבאלד מ'קען עס נישט טרינקען, איז עס נישט מכובד'דיג, ס'איז נישט קיין גוטע וואסער.

#### עשיית מלאכה

**עשיית מלאכה בהן**, אדער וואסער וואס מ'האט געטון דערמיט א מלאכה פאסל'ט עס.

#### נפסלו משתיית הבהמה

**והפסד המונע את הבהמה מלשתות**, וואסער וואס איז געווארן קאליע אזוי ווייט אז א בהמה וואלט עס נישט געטרונקען, קען מען אויך נישט נוצן פאר די הענט. ער גייט די אלע זאכן אויסרעכענען.

#### פרטים אין שינוי מראה

**כיצד? מים שנשתנו מראיהן**, וואסער וואס האט זיך געטוישט זייער קאליר, **בין שנשתנו בכלי**, אדער ס'איז דא אין א קרקע, ס'איז דא א קליינע לעיק אדער א קליינע זאמלונג פון וואסער וואס האט זיך געטוישט די קאליר, ס'זעט אויס נישט די ריכטיגע קאליר. ס'איז נישט קיין חילוק פארוואס ס'האט זיך געטוישט, **בין מחמת דבר שנפל לתוכן, בין מחמת מקומן.** מחמת מקומן איז אן אינטערעסאנטע זאך. ס'איז דאך דא א לעיק וואס איז אויף א מין מינעראל, וועט מען זאגן אז ס'איז נשתנה מראיהן פון וואסער, **הרי אלו פסולין**. יא, ס'איז דא דאך זאכן בקרקע, אז ס'זעט נישט אויס די רעגולער קאליר, ווייל אונטער דעם איז דא א רויטע שטיין אדער א שטיין וואס איז געווען א רויטע... ניין, דאס איז א שטיין רויטע, ער מיינט נישט אונטער דעם. ער מיינט זאכן אקטועל, אז נישט פשוט אז ס'איז אריינגעפאלן עפעס, נאר אין די פלאץ איז די וואסער עפעס פון צווערשט. **הרי אלו פסולין.** ס'איז א מין נשתנה מראיהן. ס'איז נישט דא זייער אסאך אזעלכע זאכן. אוודאי, די וואסער דארף האבן די קאליר, אויב דו לייגסט עס אין א גלאז און ס'איז פסול איז עס די וואסער.

#### פרטים אין גילוי

יא. **וכן על גילוי**, זאגט ער, **אם נתגלו, גילוי אוסר משום השתיה.** אונז גייען מיר לערנען ווי די רמב"ם האט געזאגט אין הלכות גילוי. וואס? דער רמב"ם האט נישט שוין אויסגעלערנט הלכות גילוי? ניין, ער האט נישט אויסגעלערנט. אלעס וואס ער איז... ער גייט נישט די זארגענומען, וואס איך דער דער עושר. ער זאגט אז מלכות רצח רעדט דער רמב"ם אויף וועגן מיין גליון. ער וועט טרונקען מיין גליון. רצח שמורת נפש, לכאורה יא. איך טראג עס נישט. אבער עס האט אלעס וואס פסיד מאכט עס שטועה, וואס דער רמב"ם רעכנט אויס אין אנדערע פלעצער, ווי א מענטש דארף זיך היטן זיין

וואסער פון די שלענג. אה, עס איז נישט געריגע הלכות. כיסודם, איז דארף נישט דאך א חששי אז דער שלאנק גייט אריין שפייען מיט זיין גיפט אינדער וואסער, ער איז נפט דור אין דעם תלותי דים. און היינטיגע צייטן שטייט אינדערויסט אז אונז האבן נישט קיין מורא פון דעם אונזער שלענגע טונות, און ער איז נישט אויבער ווילא, איז מיר אויך נישט מקפיד אויף די ליצודים פאר דעם. פארשטייסט, איך בלס נאך נישט מקפיד אויף די סכנה.

### הלכה ט — עשיית מלאכה

זאגט דער רמב"ם אין ווייטער, **כל מים שנעשית בהן מלאכה.** די דריטע פון די פיר זאכן איז געווען וואסער, וואס מ'האט געארבעט דערמיט. מילי איז געווארן אויס די חשיבות, נשי שבחן ווערט וואסער, קומט א דעם פון וואסער, סעוועטש וואסער, וואס מ'גיסט ארויס צו פסילים אין תלותי דים.

### פארוואס איז עשיית מלאכה פוסל?

כיצד. מיינים שטייט איז פשטות דער פשטות, אז עס ווערט שמוציג. און עס איז נישט קיינער גזירת הכתר, וואס עס ארבעט מער. מען עמ' זעדן שפעטער... יא. אביסל שמוציג. עפעס שמוציג. אויב עס איסט א ביסל שמוציג, יא. עס איז נישט נישט טענים ארויסא. פריער איז קיינער ארויסא, אדער מיינים איז וואסמיר דערמיטי גרין. עס איז נישט געווארן שמוציג. עס איז וויז עס איז שוין די דירעy עס איז נישט גערהייבן ביים קיין צייט.

די אלע הלכות זענען זייער שטארק רעלעווענט. אונז האבן די סינגס, אין די אמאל'יגע צייטן איז וואסער געווען א טייערע זאך, מ'האט געדארפט שלעפן וואסער. ממילא זוכן זיך מענטשן צו שפארן. איז דא הלכות אז דו קענסט נישט נוצן עני וואסער. למשל, קודם כל מים שאובים. א מענטש, וועגן דעם האב איך געטראכט פון די ווארט מים שאובים. א מענטש ברענגט אריין וואסער, און ער וויל ווי מער אויסנוצן די וואסער, ער וויל עס ריסייקלען. סאו ער וואשט כלים, ער ברויך עושה שורו בו ביום פטור, אדער ער האט נאס געמאכט זיין ברויט, וכיוצא בזה. אבער עס איז שוין גענוצט, אבער ס'איז לכאורה נאך גוטע וואסער. ס'איז נישט גוט, פאר מקוה איז עס נישט גוט. אפילו ס'איז נישט אין א כלי, ס'איז אריינגעלייגט אין א דבר שמקבל טומאה, קען זיין וואס, איך ווייס נישט וואס. ס'איז צוליב נטילת ידים, ווייל די וואסער איז שוין געווארן גענוצט, און מ'דארף נוצן פרישע וואסער. ס'איז שוין נישט ריין, ס'איז שוין שמוציג.

### מים שהדיח בהן כלים

אזוי אויך, די זעלבע זאך איז דאך ביי כלים, מ'האט אפגעוואשן כלים, מ'דארף האבן כלים וואס זענען שוין געווען ריין, אדער וואס זענען ניי, וועגן דעם זענען זיי ריין. אויב איז פסול, די וואסער איז בכלל נישט וואסער איז ריין.

### מים שהנחתום מטבל בהם את הכוכין

**אבל מים שהנחתום מטבל בהם את הכוכין**, א וואסער וואס די בעקער טינקט אריין איר טייג, איר, לאמיר זאגן, די קוקיס וואס ווערן נאס, ס'איז דא אזא מין זאך, מ'זעט עס אין די שטעטלעך, די וואסער וואס ער טינקט אריין די קוקי פאר ער לייגט עס אריין אין די אויוון, די בייגל, א בייגל לייגט מען אין די... **איז פסול**, ווייל די וואסער איז געווארן איינגעטינקען, ס'איז געווארן גענוצט, נעשה בהן מלאכה.

**אבער** וואסער וואס מ'האלט אינמיטן נעמען א חפינה דערפון, מ'נעמט א מלא חפניו, מ'פילט אן די הענט מיט וואסער אויסצוגיסן אויף די טייג, **איז כשירה.** פארוואס? ווייל ער האט טאקע גענומען אביסל וואסער, אבער נאר די וואסער וואס ער האט גענומען, מיט יענע וואסער טוט ער א מלאכה, ער גיסט עס אויס אויף די טייג אדער וואס. אבער **למים שחופן מהם**, דאס מאכט נישט די גאנצע שיסל פון וואסער אז ס'זאל הייסן נעשה בהן מלאכה ווייל מ'האט ארויסגענומען דערפון. **הרי הן כשירות.**

### הלכה י — נפסלו משתיית הכלב

די נעקסטע זאך איז געווען נפסלו, אז ס'איז געווארן קליא. זאגט די רמב"ם, **כל מים שנפסלו משתיית הכלב**, ס'איז געווארן אזוי קליא אז אפילו א כלב וואלט נישט געטרונקען. **כגון** וואס איז געווארן ביטער, אדער איז געווארן זאלציג, **או** ס'איז געווארן עכורים, שמוציג. אה, ס'איז א ביטערע פשט, ס'איז נישט געטוישט די קאליר, ס'איז געטוישט די טעם. ממילא וועט אפילו א כלב עס נישט וועלן. **או ריחן רע**, אדער ס'האט באקומען א שלעכטע ריח, אזוי ווייט אז א כלב וואלט נישט געטרונקען, איז אזוי, איז דא א הלכה. אויב ליגט די וואסער **אין כלים איז פסול לנטילת ידים. אבער בקרקעות איז כשר** אפילו ווען מ'קען איינטינקען די הענט.

### דיסקוסיע: פארוואס דער חילוק צווישן כלים און קרקע?

מ'גייט נישט טון נטילה, מ'גייט טון טבילה, רייט? דאס איז די חידוש.

וואס איז טאקע די פשט? פארוואס? וואס איז די פשט אז דא איז די הלכה אזוי און דא איז די הלכה אזוי? ס'איז נישט אזוי, ס'איז געלעגן אין די חשיבות פון די וואסער. ס'איז וויניגער, ס'איז אלעס לעוועלס, יעדע זאך איז א ספעקטרום. אקעי, וועגן דעם קומט ארויס אזא הלכה. געדענקט זיך, טבילה העלפט אלעמאל, אפילו ווען ס'איז וויניגער. ס'איז מער וואסער, סאו ס'איז מער וויניגער, נישט געפערליך.

אזוי ווי דו טאנצט אריין אין א סווימינג פול, דו ביסט ארומגערינגלט, דו ביסט וויניגער געווען איינס מיט די וואסער, אדער אין א שאוער, אדער צו ס'איז נישט ארום קיין קאפ פון יענע וואסער, רייט?

### חמי טבריה

און ער גייט אריין ווייטער. ער ברענגט דאך א גוטע זאך פון חמי טבריה. חמי טבריה איז אזוי, חמי טבריה האט א גרויסע, ס'איז מים פון גפרית, גפרית ומלח, **איז במקומו מטבילין בו את הידים**, וואס איז אזוי ווי די הלכה פון בקרקעות. זייער אינטערעסאנט. קיינער וועט נישט זאגן אז חמי טבריה איז עקלדיג, ווייל ס'איז אינטערעסאנט, ס'איז א יוניק וואסער וואס מ'גייט דארטן אריין. **אבל אויב איינער נעמט עס אין א באטל**, ער נעמט עס אין א באטל, **איז טאקע איינער נוטל מן הכלי או שואב ממנה למקום אחר**, ער נעמט עס ערגעץ אנדערש, ער נעמט א פייפ פון דארטן און ער האט געצויגן וואסער, **אין נוטלין בו לא ראשונים ולא אחרונים.** נישט מים ראשונים, נישט נטילת ידים, און אפילו מים אחרונים, אלע הלכות פון מים אחרונים וואס ער זאגט אויף מים אחרונים.

### דיסקוסיע: ערשטע מאל מים אחרונים

ניין, ס'האט אויסגעקוקט די... אינטערעסאנט. ערשטע מאל, איז דאס גילוי אוסר אויף. וועלכע נישט, אלס חשש. נשתנו מראיו, אפשר נישט, וועגן ס'איז נישט קיין מצוה, ס'איז א חשיבות. עפעס וואס דארף זיין חשיבות.

דא איז די ערשטע מאל וואס ער ברענגט אז מים אחרונים איז, ער איז דאך מדייק אז אלע אנדערע זאכן זענען יא כשר פאר מים אחרונים, נאר דאס נישט. נישט קלאר.

### הלכה י"ד — שיעור וואסער און אופן פון גיסן

הלכה י"ד, די שיעור פון וואסער. זייער גוט. דאס איז דאך געווען נאך איינע פון די זאכן. דער רמב"ם האט געזאגט ס'דארף זיין מים עצמן, האבן מיר שוין געלערנט, און יעצט גייט מען לערנען די שיעור. ניין, ער האט שוין פריער געזאגט די שיעור. עפעס איז נישט קלאר. ניין, די לעצטע זאך איז נישט ממש די שיעור, ס'איז די אופן וויאזוי מ'גיסט די וואסער. לאמיר זען. יא, און יעצט רעדט ער פון די שיעור. אבער יא, איך ווייס נישט.

ניין, ער זאגט אז ס'איז דא די שיעור א', אבער ס'איז נישט אזוי פשוט. די שיעור איז דאך נאר אז מ'איז זייער קארג, אבער ס'איז דאך פשוט אז ס'איז רביעית פאר צוויי הענט. יעצט איז די אופן וויאזוי מ'גיסט עס. ער האט דאך שוין פריער געזאגט אז ס'איז דא א שיעור רביעית, צוויי מאל, איך ווייס נישט פונקטליך וואס, טאקע אין די כלי איז דא צוויי מאל. און יעצט זאגט ער אזאך א כלל, פרטים אין די שיעור. ער זאגט וויאזוי מ'גיסט עס.

### דיני נטילת ידים: שיעור רביעית, כלים, והנותן

#### שיעור רביעית ואופן הנטילה

**Speaker 1:** לאמיר זען. ניין, די לעצטע רעדט ער פון די שיעור. ניין, ער זאגט אז ס'איז דא די שיעור, אבער די שיעור האט אן אופן. ס'איז זייער

פשוט, דו ווייסט אז ס'איז א רביעית פאר צוויי הענט. יעצט איז דא די אופן וויאזוי ער גיסט עס.

ס'איז דא די פרטים פון שיעור. פרטים, דו האסט מיר געפרעגט אז ס'איז דא א שיעור רביעית, צוויי מאל, פארוואס שטייט דא צוויי מאל? אה, יעצט זאגט ער סך הכל פרטים פון די שיעור, וויאזוי מען רעכנט די שיעור. יא.

**יש לנוטל ליטול על ידיו מעט מעט עד שיצטבר שיעור.** מען קען טון צוביי אופנים, מען קען געבן א גיס די גאנצע זאך, אדער קען מען עס גיסן צוביסלעך און ס'זאל זיך אויסגאסן א רביעית אויף די ביידע הענט. **ונוטל רביעית לכל יד ויד, כשר.** זעט אויס אז לכתחילה איז בעסער די מעט מעט עד שיצטבר שיעור.

### נטילה פאר מערערע מענטשן אויף איינמאל

יעצט ווילן מיר וויסן וואס טוט זיך ווען איינער האט א גרויסע כלי און ער וויל אפוואשן ווי מער מענטשן מיט די זעלבע גיס. ס'איז דא פיר פינף מענטשן שטעלן זיך איינער לעבן צווייטן און לייגן זייערע הענט, און איינער גיסט. איז **נוטלין ארבעה חמשה זה בצד זה,** פיר אדער פינף מענטשן קענען זיך וואשן איינער לעבן די אנדערע, **יד זה על גבי יד זה.** מ'קען אפילו לייגן איין האנט אויף די אנדערע **בשטיפה אחת, ובלבד שירפו ידיהם כדי שיבואו בהן המים.** מ'קען נישט זיין טייט איין האנט אויף די אנדערע, מ'דארף האבן א רווח צווישן. סאו, ווי לאנג ס'איז דא גענוג וואסער, **ויהיה באותה שטיפה כדי רביעית לכל אחד ואחד.**

## דיני כלים לנטילת ידים

### כלים פסולים

יעצט גייען מיר זען אביסל מער וועגן די כלי, דינים אין די כלי. זאגט דער רמב"ם, **אין נוטלין לידים לא מדפנות הכלים,** מ'וואשט זיך נישט די הענט נישט מיט די וואסער וואס ליגט אין די דפנות פון א כלי, **ולא בשולי המרחץ.** וואס איז א מרחץ? כלי חרס גדול וואס ביי די זייט האט אנכאפערס. די אנכאפערס, דארטן קען זיך אליין אנזאמלען א רביעית וואסער. אבער אין כלי זה הייסט נישט קיין כלי. ס'איז א ווירד וועג פון... דו קענסט טאקע האלטן וואסער אזוי, אבער ס'איז נישט קיין מכובד'יגע וועג פון גיסן מיט דעם.

**ולא בחרסים,** סתם צעבראכענע שארבעלעך. **ולא במגופת החבית,** די דעקל פון די חבית. איינער האט א גרויסן דעקל וואס פאסט אריין רביעית, און נאך אלץ איז עס נישט קיין כלי. נישט דאס הייסט א כלי.

אויב האט ער ספעציעל גענומען די דעקל און ער האט עס געמאכט "אינטו" א כלי וואס מען קען נוצן געהעריג. ער זאגט אז ער מיינט אז ער האט געמאכט אז מען קען שטיין אויף אליינס, נישט האלטן, ווען עס איז רונדיג, איך ווייס וואס, מען קען עס נישט געהעריג... דעמאלטס **נוטלין ממנו לידים,** קען מען יא וואשן מיט דעם.

### חמת מים, שק וקופה

זאגט דער רמ"א, **"וכן חמת מים שנתקנה להיות כלי, נוטלין ממנה לידים".** א פלעשל, חמת מים, סתם א שכמה... ביי... ביי... ביי... נו, וואס איז דאס? ביי הגה. יא, ער זאגט אז חמת מיינט א זאק, נישט קיין... א זאק פון אור, **שנתקנה,** וואס מען האט עס מתקן געווען אז מען זאל קענען עס נוצן פאר א טעפל, **נוטלין ממנו לידים.**

**אבל שק וקופה,** אבער א זאק אדער א קופה, **אף על פי שנתקנה, אין נוטלין ממנה לידים.** דאס הייסט, עס איז נישט א מין כלי וואס מען וואשט דערמיט. אפילו ער האט עס געמאכט אז עס זאל זיך נישט די וואסער ארויסרינען, און ס'איז אזא זאך וואס ער האט געמאכט פאר וואסער בעצם, אזוויי דאס ברענגט פון הגה. די שק וקופה איז סתם א זעקל, דארט איז עס נישט.

### חפנים זענען נישט קיין כלי

זאגט דער רמ"א, **"ולא יטול ידו בחפניו",** ווייל א מענטש קען נישט אנפילן זיין הענט מיט וואסער און ארויפגיסן אויף יענעמ'ס הענט. **"אין חפניו כלי".** דיינע חפנים, דיינע הענט, איז נישט א כלי.

### כלי שנשבר

**"וכלי שנשבר, מה דינו?"** וואס טוט זיך מיט א כלי וואס האט זיך צובראכן? א שבירה מיט אריכות וואס איז מיט זייער טומאה, אזא שבירה וואס מאכט עס אויס כלי.

**"כלי שנשבר אינו כלי".** אויב עס איז צובראכן, איז עס שוין נישט קיין כלי. אויב הייסט עס נאך א כלי, נוצט מען עס. אויב הייסט עס נישט קיין כלי, נוצט מען עס נישט פאר נטילת ידים.

זאגט ער, וועלכע מין כלי? זאגט דער רמ"א, **"כל הכלים נוטלין מהם לידים, אפילו כלי גללים וכלי אדמה, ובלבד שיהיו שלמים".** זיי דארפן זיין גאנץ, **"ואינם שבורים".**

### כלי שאינו מחזיק רביעית

**"כלי שאינו מחזיק רביעית, לא שאינו מחזיק רביעית". "אין נוטלין ממנו לידים"**, אפילו ער טוט עס אין צוויי מאל. לכאורה, דאס איז דער חידוש. ס'איז נישט קיין כלי. ס'איז א חסרון אין די כלי, פונקט ווי ס'איז דא א חסרון אין די רביעית. די רביעית אליינס קען גיין סלאולי, אבער די כלי דארף זיין... די שיעור רביעית איז א שיעור אין די מים. יעצט זאגט מען אז די רביעית איז אויך א שיעור אין די כלי. עס דארף זיין א חשוב'ע כלי וואס פאסט אריין א רביעית.

### דיני הנותן — ווער גיסט

יעצט גייען מיר לערנען וועגן דער נוטל, ווער איז דער וואס גיסט אויף די הענט פון דער וואס וואשט זיך. זאגט דער רמ"א, **"הכל כשרין ליטול לידים, אפילו חרש שוטה וקטן"** קען זיין דער גיסער.

### ווען מען האט נישט א צווייטן צו גיסן

וואס טוט זיך ווען א מענטש האט נישט א צווייטער וואס זאל גיסן אויף אים. **ואם אין שם אחר, מניח הכלי במרפק,** לייגט ער די כלי צווישן זיינע קניען, **ויוצק על ידו.** ער גיסט אזוי, מיט זיין פיס רוקט ער די כלי אז ס'זאל אויסרינען, ס'זאל גיסן אויף זיין האנט. אוי, ער האט א חפץ **על ידו וירצה להדיח,** ער זאל רוקן די חפץ, **או נוטל ידו אחת ויוצק בזו על זו,** אז ער קען מיט איין האנט וואשן די אנדערע האנט, **וכן הוא יוצק בראשונה על השניה.** פארוואס ווילן מיר ברענגען דעם רמב"ם?

### דער נארמאלער סדר פון נטילה

ס'זעט אויס פון די גאנצע זאך, דאס איז אלץ א משנה, ס'זעט אויס פון די גאנצע זאך אז די נארמאלע סדר אין הלכות ידיים איז אז איינער וואשט פאר די צווייטע ביידע הענט אויף איינמאל. אזוי זעט אויס דא, איך האב נישט געוואוסט פון דעם ביז היינט. אזוי זעט אויס, די נארמאלע סדר איז אז איינער וואשט פאר די צווייטע ביידע הענט אויף איינמאל.

מ'מיינט מיט סדר וואס מ'האט געטוהן, ס'איז געווען א ברעטל. יעצט אויב איינער האט א גרויסע שפע פון וואסער, און איינער וויל גיסן אז ס'זאל זיין איין רביעית זאל קומען אויף ביידע הענט, גיסט ער אן פונקט א רביעית און ער גיסט עס אויף יענעמ'ס הענט. ווען א מענטש גיסט אליין, ער דארף האבן מער אז ס'זאל זיין גענוג נאס יעדע האנט. ס'איז שווערער. ס'מאכט סענס.

**Speaker 2:** ניין, אמאל איז וואסער געווען טייער.

**Speaker 1:** די יוסה הדעת פון וואס מ'נוצט א טאג, שטעל דיר פאר מ'האט געדארפט יעדן טאג שלעפן אזא מאס וואסער צו א הויז. מ'האט זיך געשפארט. די אלע הלכות זענען דיר צו זאגן אז אפילו דו שפארסט דיר, זאלסטו זיך נישט צופיל שפארן אזוי קדומות.

**Speaker 2:** ניין, גוט, איך הער.

### מחלוקת רמב"ם וראב"ד: קוף כנותן

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, והכוח יכול להיות. ער זאגט אז בדיעבד קען מען גיסן מיט איין האנט נאכדעם אויף די צווייטע האנט, נאר ס'איז נישט לכתחילה. לכתחילה איז בעסיקלי, די נארמאלע וועג איז אז איינער גיסט פאר די אנדערע, נאר נאך א וועג.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, דאס וואס מ'זאגט אז ס'דארף זיין א נותן, איינער געבט, מיינט נישט אז ס'דארף זיין א בר דעת וואס גיסט. **ואפילו חרש שוטה וקטן**, אפילו א קוף, וואס האט זיכער נישט קיין דין שליח, קיין שום דין, **נוטל ידיו**, ס'איז א מאשין וואס קען אנגיסן.

אויף דעם זאגט דער הייליגער רמב"ם... דער הייליגער ראב"ד איז מחולק. דער ראב"ד זאגט אז ס'איז טאקע א לאו משנה, וואס וועגט איבער די רמב"ם, אבער אין די גמרא שטייט אז ס'דארף זיין א כח אדם, און אין איינע פון די משניות זאגט ער, אדער די גמרא האט פארשטאנען אז ס'איז א מחלוקת און גייט מיט די אנדערע שיטה, וכו'.

זאגט דער רמב"ם, די לשון הראב"ד, **"הייתי אומר שקוף אינו בכלל תורת אדם, ולא רצה הקב"ה שיטול אדם ידיו מן הקוף."** ער האט נישט געוואלט קיין ראיה ארײנלערנען אז א קוף איז א מענטש. ער האט נישט געוואלט קיין ראיה אז א קוף איז א מענטש. ער האט נישט געלערנט קיין דארווין.

ממילא, חרש שוטה וקטן איז נישט קיין פראבלעם, ווייל זיי זענען א מענטש. אין די גמרא שטייט **"יש להם מעשה ואין להם מחשבה"**. דאס איז א מעשה, דאס איז נישט קיין וואס נישט קיין וואסער פון נאטור. מען דארף האבן נייע וואסער.

**דיסקוסיע: נטילה פון א סינק/קראן**

**שאלת כח אדם**

**Speaker 2:** ווייל היינטיגע צייטן האט מען ארײנגעבויט אזעלכע קויפן ביי מענטשן אין זייער קיטשן, אזא קוי וואס גיסט ארויס וואסער, וואס הייסט א סינק. א קראן. און א סינק, יא. דארף מען דייקא זיין.

**Speaker 1:** ניין, ס'איז נישט קיין גזירה. ס'איז אפילו בעסער.

**Speaker 2:** ניין, ס'איז אפילו בעסער.

**Speaker 1:** איך טענה, איך ווייס נישט.

**Speaker 2:** ניין, איך טענה'ס ווייל דער מענטש איז דער וואס עפנט עס.

**Speaker 1:** אבער איך זאג אז מיכל הבוחר דארף זיין א עדות הכי, וואס הייסט נישט קיין מעשה, אבער ער גיסט.

**Speaker 2:** יא, אבער ניין. עפנט אויף די סינק, דו זעסט ער גיסט.

**Speaker 1:** דער רבי האט געטענה'ט אז א סינק דארף אפשר הייסן אז דער וואס דרייט די קראן הייסט אז ער טוט. איך מיין אז ער קען זיין גערעכט, ווייל לענין שבת וואס דו האסט געזאגט אז דאס הייסט א מעשה פון... איך האב געוועזן יעדע זאך קומען. עפענען א סוויטש הייסט א כח אדם, ווייל דו צינדסט אן א פייער. סאו פארוואס זאל עס נישט זיין? פארוואס זאל עס נישט זיין ווען דו עפנסט אויף די סינק?

**שאלת כלי**

אבער וואס מ'דארף פארשטיין, און וואס איך האב געוואלט לענגער רעדן איז אז א סינק איז נישט גוט ווייל ס'איז נישט קיין כלי. די סינק דארף זיין א כלי. אבער דאס וואס איך האב געזאגט אז וואס איך האב פארשטאנען, און וואס מ'האט מיר אנגעזאגט אויף די סינק איז נישט גוט. מ'האט מיר געזאגט אז די כלי קומט ארויס וואסער יעדן מאל אין קראן. ערגעץ האסטו א קליין קובל.

**Speaker 2:** איך מיין, אויב ס'איז נישט קיין כלי, קען מען נעמען פון דעם א מקוה?

**Speaker 1:** לכאורה איז עס א כלי. איז די כלי משובן? יעדער איינער איז מסכים. וואו איז די כלי פונקטליך? ערגעץ איז דא א כלי. ס'איז א זאך וואס מ'דארף פארשטיין. איך ווייס נישט. די וועלט פירט זיך זייער שטארק.

**Speaker 2:** ניין, זעסט, וויאזוי זעט מען אזא הויז איז א אידישע הויז? עפעס איז דא א טעפל ביי די סינק, ביי די וואשקעסל. א נארמאלע גוי וואשט אויך די הענט היינט, אבער ער האט נישט קיין טעפל, ווייל ער פארשטייט נישט אז מ'דארף א טעפל.

סאו, אין די אלע הלכות, אויב טראכט מען פלעין פאר ריינקייט, קען זיין אז ס'איז ריינער ווען מ'וואשט אן א טעפל. די טעפל איז אויסגעשמירט...

**Speaker 1:** יא, אקעי, אפשר לאמיר שוין נישט מאכן זיך. מען לאזט די וואסער רינען פון זיך אליין און אזוי...

**Speaker 2:** ניין, דיין הענט רירט גארנישט צו.

**Speaker 1:** ווייל על פי הלכה איז יא מקפיד אז ס'זאל זיין א כח אדם וואס גיסט. און לויט די ראב"ד מאכט עס אסאך סענס.

**Speaker 2:** ניין, אבער כח איז אן אנדערע פראבלעם. איך זע נישט אז כח, דער מענטש מאכט אויף די סינק, איז זיין כח. די שאלה איז אפשר מער וואס איז א כלי אדער אזא זאך איז די שאלה.

**פארגלייך צום כיור אין בית המקדש**

**Speaker 1:** איך בין מסכים, אז די כיור האט מען דאך אויך, דער כהן האט געעפנט די קראן און ס'האט זיך געגאסן. ס'איז נישט פשוט אז ס'האט א גאנצע צייט געשטאנען און געגאסן.

**Speaker 2:** מיט א טעפל. נישט ארײנגאסן אין א טעפל. יא, די כיור איז נישט געווען קיין טעפלעך.

**Speaker 1:** וואס מאכט עס אראפרינען? די גרעוויטי. אבער די כיור איז געווען א גרויסע כלי.

**Speaker 2:** איך גיי ארײנגיין אין דעם שטאט, זאג דאס זיין א דין ביי א כיור אז דער כהן דארף עפענען די קראן פאר די פארשע?

**Speaker 1:** יא דער איז א וואדער, אבער דער שאלה נקודה זאלסט סקומען פון א כלה, איינער זאגט געווען א חילוק איז... אויב א באנטשונגען היינעם שטייען אין די ליין און דער קראן איז אפען... איז נישט קיין פראבלעם, דאס איז ניכה איינער גיסט, אדער עס גייט פון זיך אליין?

**Speaker 2:** זאגט דער רבים אזוי, השוקת, השוקת...

**Speaker 1:** ניין, מ'דארף אפגעדענקען די אלע הלכות אונז לערנען אונז...

**דיגרעסיע: טעפל, סינק, און דיסקאנעקט פון שכל הישר**

איך וויל דאס ארויסברענגען, ווייל אונז זענען צוגעוואוינט אז א איד האט עפעס א מאדעלע וועג וועג ווען זיך וואשן מיט א טעפל, א גוי וואשט איך פלענען די סינק, און עס האט עפעס א גזירת הכתב, די אלע הלכות פון כלים, ווער ס'קוקט לערנט ביז א פשוט'ע זאכן, אנדערש איז שמוצירונג, אנדערש איז נישט קיין וועג. דא איז געווארן אז עפעס איז ממש א גזירת הכתב אין לעבן פון דעם ערנט, איז די תורה געווארן אזוי עקסטערע זאך אפגעטיילט פון די שכל הישר פון לעבן.

א דיגמה פון דעם האב איך, איך האב געוועגען אמאל ביי קאוויד, ממש אין די טעג ווען דער עולם איז געווען זייער, ווען אלע דאקטוירן האבן געזאגט מען זאל זיך אכטן געבן פון זייער מענטשן צו זאמען, האבן מענטשן זיך פארזאמעלט און זיי האבן זיך געוואשן מימל חרונים. מימל חרונים, מיט די חתך חשש, חשש סכנה, וואס איז אמאל געווען, און דוו וואשט עס עהרליך, איז די זעלבע צייט, די פאלקס איז נישט א סכנה וואס איז יעצט. פון שטאט אז אונז האבן זייער דיסקאנעקטעד.

סאוי, א טעפל איז געווארן זייער שטארק אזוי אנגענומען. מען דארף זען צו עס איז טאקע א חומרא, צו עס איז טאקע א דין ממש. איך זאג, איך בין נישט מסכים מיט זיך אז עס איז שמוציג. א געמענדליך, א טעפל איז קליען, איך מיין זייער. איך מיין זייער שמוציג. מען עפנט דעם סינק און מען וואשט זיך אפ, און ס'איז אלעס קלין, ס'האט גארנישט. און אין די היינטיגע מאדערנע פלעצער, אין א פיראפל.

**הלכות נטילת ידים — חלק ו**

**הלכה: שוקת – דין נטילה ממים זורמים**

**דער רמב"ם'ס ווערטער:**

**"השוקת שדולה האדם בידו או בגלגל ונותן לתוכה, והמים נמשכין ממנה באמה והולכין ומשקין הירקות או הבהמה, והניח ידיו בשוקת ועברו המים ושטפו על ידיו - לא עלתה לו נטילה, שהרי אין כאן נותן על ידיו."**

ווער ס'ווייסט וואס א שוקת מיינט, דארטן ביי מרים... רבקה, יא. ווען מ'גיסט אריין וואסער אין א וואנע פון וואו בהמות עסן, ס'איז א זאך וואס ס'רינט וואסער. ס'הייבט זיך אן אז אנפאנג פון די לאנגע... א שוקת קען זיין א לאנגע סטריעם ווי די וואסער לויפט, אבער אנפאנג דארף איינער טון א פעולה אריינצוגיסן דארטן וואסער, אדער עס קאנעקטן צו א סטריעם. "ותדלה ותשק את הגמלים", זי האט געשעפט מיט א גלגל, מיט א רעדל, און זי האט אריינגעגאסן דורך די רעדל, זי האט געמאכט אז די וואסער זאל אנהייבן אריינרינען אין די שוקת. "והמים משוכים ממנה באמה", די וואסער רינט אין די אמה, מיינט די לאנגע סטריעם, "אמת המים", "והולכין ומשקין את הירקות ואת הבהמה".

און וואס טוט זיך? א מענטש איז געגאנגען, **"הניח ידו בשוקת"**, ער האט אריינגעלייגט זיין האנט אין די שוקת, און די וואסער האט אנגעוואשן זיין האנט. **"ועברו המים"**, די וואסער איז דורכגעגאנגען, **"ושטפו את ידו"**, און האט אנגעוואשן זיין האנט, **"לא עלתה לו נטילה"**. פארוואס? **"שאין כאן נתינה על ידו"**. דא איז נישט געווען אונז האבן געהאט א דין, איינע פון די פיר דינים, אז מ'איז געווען נוטל על גבי כלי. דארט איז נישטא קיין גברא, נאר ס'לויפט פון זיך אליין.

דאס איז דער רמב"ם דן אויף ווען עס שטייט אינמיטן פון די שוקת. אבער אויב עס שטייט אויבן דארטן ווי דער מענטש גיסט אריין די וואסער אינעם אנפאנג פון די שוקת, אדער ווי דער גלגל גיסט אריין אינעם אנפאנג פון די שוקת, **"אם היה ידו קרובה לשפיכת הדלי עד שתגיע המים, שוותה על ידו מכח נתינתו של אדם, עלתה לו נטילה"**.

**דיסקוסיע: שאלה אויף אויטאמאטישע סינקס**

איך וויל פארשטיין, דער רמב"ם וואלט לכאורה געזאגט ביי גלגל אויכעט, ביי די סוף, "אם היה ידו קרובה לגלגל" איז אויכעט געגוג. ניין, איך טראכט פון דא, אויב למשל... גלגל איז א זאך וואס א מענטש מאכט, דער מענטש דרייט עס. ניין, אבער איך טראכט צו אונזערע סינקס, למשל לאמיר טאקע זאגן אן אויטאמאטיק סינק, אבער ער איז גורם מיט'ן לייגן זיין האנט דארט, איז שוין דאך אזוי ווי דער גלגל. דארף מען טראכטן שוין.

**הלכה: מים שנסתפק לו – ספק בנטילת ידים**

אקעי. **מים שנסתפק לו**, ער האט א ספק אין נטילת ידים. מיר האבן פריער געלערנט אז וואסער וואס מ'האט געטון דערמיט מלאכה איז מענטש רעיל אין נטילת ידים. אויב מ'האט א ספק צו מ'האט געמאכט מיט דעם מלאכה צו נישט, איז אזוי. אדער א צווייטע ספק, ספק אין רביעית. אדער א ספק אין מים טהורים ונטמאים, אויב די וואסער איז טהור אדער טמא. **ספיקא טהור.** פארוואס? די אלע זאכן, **ספק נטל ידיו ספק לא נטל**, ספק צו ער האט זיך געוואשן די הענט, ער האט א ספק צו ער האט זיך געוואשן די הענט, די אלע זאכן איז **ספיקא טהור**, **"שכל ספק שבטהרת ידים טהור"**. לכאורה איז עס פשוט א ספיקא דרבנן. אבער ס'זעט אויס אז ס'איז דא א דין עקסטער אז אין דינים פון טהרת ידים דארף מען נישט מאכן.

**מחלוקת רמב"ם און ראב"ד**

זייער גוט. זאגט דער הייליגער ראב"ד, **"אמר אברהם, ובכל זה, אם יש לו מים אחרים יטול ידיו"**. אה, דאס איז ממש אונזער שאלה, צו טרעפן וואסער. **"ואם אין לו מים אחרים, יטול ידיו במים אלו"**. ער זאגט, אויב דו האסט אנדערע וואסער, גיי וואש דיך. **"להוציא עצמו מן הספק"**. זייער גוט.

יעצט גייען מיר לערנען אפאר הלכות וואס זענען אנדערש מים ראשונים און מים אחרונים. דאס איז די קאנעקשן פון די הלכה, איך ווייס נישט. דער רמב"ם האט נישט געזאגט אז אויב ער האט אנדערע וואסער דארף ער. דער רמב"ם האט געהאלטן אז ס'איז טהור, זאגט מען נישט "הוציא עצמך מן הספק". די הלכה האט שוין ארויסגענומען דיר פון ספק. דער ראב"ד זאגט, "אמת, די הלכה האט דיר ארויסגענומען, אבער דו ביסט נאך אין א ספק, איז נישט מיקל גענוג פאר דיר".

רייט, ס'איז דא א לומד'ישע חקירה, אז דער ראב"ד קוקט עס מער פראקטיש. יא, דו ביסט אין א ספק, אבער דו האסט אן איזי וועג ארויס פון ספק. דער רמב"ם האט געזאגט, חז"ל האבן אונז גע'פסק'נט אז כל ספק איז טהור.

רייט, ס'איז דא, ער ברענגט אז די כסף משנה איז נישט מסכים, ער ברענגט א ראיה פון די גמרא אז דער ראב"ד האט א טעות. אויב מ'דארף טראכטן וועגן די סוגיא. ס'איז א באופן כללי א סוגיא פון ספיקות, אז מ'דארף טראכטן, אדער אפשר איז דא א ספק אין די רבנים, אויב ס'איז גרינג ארויסצוגיין, אפשר דארף מען?

קען זיין אז די ספק, ס'איז דאך ידיעת המסקנא איז דאך אויך נישט קיין ודאי, ס'איז דאך א חשש. די ספק אין די ספק, יא, דאס קען זיין די סברא.

**הלכה: חילוקים צווישן מים ראשונים און מים אחרונים**

**חילוק א: ריכטונג פון די הענט**

**מים ראשונים**, זאגט דער רמ"א יעצט, ובזה וואשט זיך מים ראשונים ובזה וואשט זיך מים אחרונים, די צורת הוואשן. זאגט דער רמ"א, מים ראשונים, נאכדעם וואס מ'וואשט זיך, נישט נאר ביים זיך וואשן, **צריך שיגביה ידיו למעלה**, די הענט זאלן זיין אויף ארויף. פארוואס? אז די וואסער זאל נישט אריינרינען, **שלא יצאו מים חוץ לפרק ויחזרו ויטמאו**, ווייל אויב מ'וועט וואשן אויף אראפ, האט מען מורא אז די וואסער ווי ביי די פארט פון די גב, ביי די פארט פון די הענט וואס מ'האט נישט גוט געוואשן, אבער ס'איז דארטן אריינגערינען וואסער, די וואסער דארטן גייט ווערן שמוציג, ווייל מ'האט נישט גענוג געגאסן עס צו וואשן. די וואסער דארטן ווערט שמוציג, און ס'פאלט צוריק אריין אין די ריינע פלאץ, **ויחזור ויטמא את הידים**.

דאס איז אינטערעסאנט. צווישן אונז, די האנט וואס מ'וואשט זיך איז דאך אסאך וואסער, ס'איז נישט נוגע. ניין, אבער איך זאג, ווייל די דין אין חוץ לפרק איז דאך אויך נאר ווייל ידיעת המסקנא איז א... ס'איז נישט דא קיין ריזן די הענט זאלן ווערן שמוציג. אביסל איז עס שמוציג.

אבער דאס איז ראשונים. אחרונים דארף מען טון פונקט פארקערט, **שישפיל ידיו למטה**, אז ווען ער גיסט זאל עס גיסן אויף אראפ, **כדי שיצא כל כח המלח שעל ידיו**, אויב איז דא מלח אויף זיינע הענט, זאל עס ארויסרינען, ס'זאל נישט ארייגגיין צוריק העכער אויף זיינע הענט.

**חילוק ב: על גבי כלי אדער קרקע**

צווייטע חילוק איז, **מים ראשונים נטולין בין על גבי כלי בין על גבי קרקע**. מ'קען אויך גיסן אויף א כלי, ווייל ס'איז גארנישט, די כלי קען מען נאכדעם געבן א וויש אפ, ס'איז נישט אזוי שמוציג. אבער אחרונים, **אין נוטלין על גבי קרקע**, טוט מען נישט נאר על גבי כלי, אה, נאר על גבי כלי, וואס מ'זאל נאכדעם אויסגיסן אין א ספעציפישע פלאץ, ווייל דו ווילסט נישט די מלח זאל זיך ארומוואלגערן, ס'זאל פארפעסטיגן די ערד אונטער דיין... עפעס אזוי. יא, אין די גמרא שטייט דאך אז ס'איז דא א רוח רעה ווען מ'לייגט עס אויף די קרקע.

**חילוק ג: טעמפעראטור**

ווייטער, **מים ראשונים, בין בחמין בין בצונן**, קען מען וואשן מיט ווארעמע וואסער אדער מיט קאלטע וואסער. מים אחרונים קען מען נישט וואשן מיט ווארעמע וואסער, דארף זיין קאלטע וואסער. זאגט דער רמ"א, וואס הייסט וואסערע הייסע וואסער קען מען נישט? אויב ס'איז אזוי הייס אז די הענט ברייט זיך אפ, איז נישט גוט צו וואשן. נישט איינער ווערט נישט אזוי הייס, איינער וויל פאשן ווייל ער איז נישט באקוועם מיט די וואסער, און ער גיבט זיך א ברי אפ. ס'דארף זיין וואסער וואס ער קען זיך מיט דעם אפרייבן, אבער אויב ס'איז נאר אביסל ווארעם קען מען יא זיך וואשן מיט די

וואסער. ס'איז נישטא קיין דין אין די טעמפעראטור, ס'איז א דין אין די באקוועמליכקייט.

### הלכה: נוטל ידיו שחרית ומשמרן לכל היום

זאגט יעצט דער רמב"ם א נייע חידוש'דיגע הלכה, די לעצטע הלכה. דער דין אז מ'דארף זיך וואשן די הענט איז וועגן מ'טראכט אז דא דארטן טאטשטו אן מיאוס'ע זאכן. אבער אויב א מענטש האלט קאפ און ער רירט נישט אן מיאוס'ע זאכן, איז אזוי: **נוטל ידיו שחרית**. צופרי דארף א מענטש זיך וואשן די הענט, ווייל ביינאכט... ער איז נישט געוואוינט צו שלאפן אין פידזשאמעס געווענליך, און ביינאכט רירט מען אן פלעצער און ס'ווערט שמוציג. אבער איינמאל דו האסט אפגעוואשן צופרי, צופרי האט נאך א מענטש א כח זיך צו זיין דן זיינע הענט. זייער גוט. **משמרן לכל היום**, ער קען זיך מאכן ווי א תנאי אז היינט גייט ער זיין ריין. **והן לצורך אכילה, ליטול ידיו לכל אכילה ואכילה.** דאס איז די חידוש וואס דער רמב"ם זאגט, אז מ'דארף יא נטילת ידים. דער רמב"ם איז נישט מסכים מיט דעם. ער פארגעסט נישט פון די זאך אז ער וועט אפטשן זיינע הענט. אבער אויב ער איז מסיח דעת, אויב ער וועט מסיח דעת זיין, דארף ער **ליטול ידיו לכל אכילה ואכילה**, און דאס איז אן עקסטערע זאך. אנדערע וועט ער לאכילה ולתפילה. דאס איז די זאך. זייער גוט.

### הלכה: לוט ידיו — עסן מיט א מאפע

ווייטער, נאך א וועג ארויס פון קענען זיך וואשן, אז די וואשן איז דאך אן ענין פארן עסן, כדי די שמוציגע הענט זאלן נישט מאכן קאליע די עסן. אבער אויב א מענטש נעמט ארום זיינע הענט מיט א שמאטע, **לוט ידיו**, א מענטש קען מיט א הענטשקע עסן. לוט איז ווי א... מ'זאל זאגן א מאפע. צודעקן. מ'קען צודעקן זיינע הענט ביי מאפע מיט א טישטוך, מיט א הענטשקע, וואטעווער, אויך מעג מען פשוט עסן פת. **אוכל ושותה וטובל ומשקה, אפילו שלא נטל ידיו**, אפילו ער האט זיך נישט געוואשן, ווייל דא די ריינע מאפע רירט אן די הענט, נישט די הענט.

זאגט דער רמב"ם אזוי: **מאכיל לאחרים**, איינער גיבט צו עסן פאר אנדערע מענטשן. דער רמב"ם איז נישט מסכים מיט די היתר. דער רמב"ם זאגט אז ס'איז נאר פאר אוכלי תרומה העלפט עס. אה, ווייל ער זאגט, אן אוכל תרומה איז א נזהר. א נארמאלער מענטש טראסטן אונז נישט, ער גייט ערגעצוואו פארגעסן און עסן מיט זיינע שמוציגע הענט.

### הלכה: מאכיל לאחרים — דער עסער דארף זיך וואשן

אבער אויב איינער גיבט צו עסן פאר אנדערע מענטשן, **אינו צריך נטילת ידים.** אבער דער אוכל, אויב ער איז נזהר אז ער זאל נישט אנרירן דעם מאכל, דארף ער זיך נישט וואשן די הענט.

אבער דער אוכל, דער וואס עסט, **איז צריכה נטילת ידים, אפילו אינו נוגע במאכל אלא אחר יום אכילה.** דער דין פון נטילת ידים איז א דין אויף די עסערס. ס'איז זייער אינטערעסאנט. מ'דארף וויסן ווי ס'שטימט מיט די טעם פון די רמב"ם אז ס'איז פשוט א ריינקייט.

#### דיסקוסיע: קשיא אויף דעם דין

וואס איז פארקערט לכאורה? דער מאכל איז דאך די עיקר, דו ווילסט נישט אז די עסן זאל ווערן שמוציג פון עפעס. וואס ווילסטו פון די אוכל אזוי שטארק? איך הער. איך ווייס נישט. דו פרעגסט א גוטע שאלה, איך ווייס נישט די תירוץ.

**והאוכל**, אבער דער וואס עסט, אפילו ער טאטשט נישט, ווי א דין **אוכל במגריפה**, ער עסט מיט א גאפל, און מ'האט דער מענטש עסט מיט א גאפל, פארוואס ווילסטו אז ער זאל זיך וואשן די הענט?

יא, דאס מאכט עיז פארשטיי איך. דער פארקערטער, דער וואס איז א שיינע איד מיט זיין פלייש, באט אויב זעט ער אז ער גייט זיך שווערן צום די גאפל, גייט ער געבן א ווארף אוועק די גאפל און שנעל מסדר זיין זיינע הענט. יא, אזוי טוען מענטשן אסאך מאל. ס'איז דער מנהג. יא.

### הלכה: אסור להאכיל מי שלא נטל ידיו

איז דער ווייטער, **אסור להאכיל**, מ'טאר נישט געבן צו עסן **פאר מי שאין נטל ידיו, אפילו הוא נותן לתוך פיו.** פארוואס? וואס איז די נפקא מינה? אפילו דו לייגסט עס אים, דו געסט אים, דו פיטערסט אים די מאכל, און ער האט זיך נישט געוואשן די הענט, ס'העלפט נישט. ס'איז א דין אויף די אוכל. איי גוט.

### הלכה: אסור לזלזל בנטילת ידים — מעשה רבי עקיבא

איז ער זאגט יעצט דער רמב"ם אז ער גייט ענדיגן מיט די כלליות'דיגע דין פון נטילת ידים. ער זאגט, **אסור לזלזל בנטילת ידים. וציוו הרבה**, פארשידענע ציווים **ציוו חכמים, די חכמים האבן געהייסן על נטילת ידים והחזירו על הדבר. עד כדי כך, אז אפילו אין לו מים אלא כדי שתיה**, אז אפילו א מענטש האט נאר אביסל וואסער, זאל ער אביסל נעמען פון די אפגעקארגטע וואסער, זאל ער אביסל אראפנעמען זיך צו וואשן די הענט, **ואחר כך אוכל ושותה מה שנשאר**, און ער טרינקט וויפיל ס'איז געבליבן. מ'מוז זיך אביסל וואשן.

דאס קומט פון די מעשה פון רבי עקיבא וואס איז געווען אין בית האסורים, און ס'איז געקומען צו אים זיין תלמיד רבי יהושע הגרסי, און ער האט אים אויסגעשמועסט ער זאל אים קויפן אביסל וואסער, און ס'איז געקומען צו רבי עקיבא, ער האט געזאגט אז ער גייט זיך וואשן, האט ער געזאגט, "איי, איך האב נישט וואס צו טרינקען." האט ער געזאגט, **"מוטב אמות מיתת עצמי ואל אעבור על דברי חברי."** דאס איז די לשון פון די גמרא, אז ער האט מוסר נפש געווען.

#### דיסקוסיע: פשט אין "דברי חברי"

ער האט יא געדארפט טרינקען צו וואשן די הענט, ער האט נישט געדארפט עסן. ניין, ניין, די ווארט איז געווען **"על דברי חברי"**. ס'טאטש אז אפילו ער איז נישט געווען מחויב אין נטילת ידים, ער האט נישט געדארפט עסן. ער איז נישט געווען מחויב, פארוואס איז ער געווען מחויב? ער איז נישט געווען מחויב. ער האט געזאגט **"על דברי חברי"**. וואס האט ער געטאן וועגן נטילת ידים? די חברים, מנהיגי חכמים. שלמה המלך. ניין, רבי עקיבא, ווייל די נטילת ידים די חילוק איז געווען בזמן רבי עקיבא, אפשר בערך דעמאלטס.

ס'איז זייער אינטערעסאנט, דער רמב"ם האט גע'פסק'נט פון די גמרא, אז ממילא לערנט מען זיך, ס'איז קלאר אז דער רמב"ם האט פארשטאנען קלאר אז ס'איז נישט קיין פיקוח נפש. מ'האט נישט געמיינט צו זאגן אז ער וואלט געשטארבן. ער וואלט געווען הונגעריג יענעם טאג, ער איז געווען אן אלטער מענטש, ס'איז שווער פאר אים צו זיין הונגעריג, אבער דער רמב"ם האט פארשטאנען אז ער וואלט איבערגעלעבט דעם טאג.

## פרק ו' פון הלכות ברכות — המשך: רבי עקיבא און נטילת ידים, ניגוב ידים, און מים אחרונים

### הלכה ב' (המשך) — רבי עקיבא אין בית האסורים: די חשיבות פון נטילת ידים

דאס טייטשט אז אפילו ער איז נישט געווען מחויב אין נטילת ידים, האט ער געוואלט זיין מחויב. פארוואס זאל ער נישט זיין מחויב? ער האט געוואלט זיין מחויב.

און דאס איז **"על דברי חבירה"**. ווער זענען די חברים? די חברים זענען די חכמים. שלמה המלך. ניין, רבי עקיבא, ווייל די נטילת ידים לחולין איז געווען בזמן רבי עקיבא, אפשר בערך דעמאלטס.

#### דער רמב"ם'ס פסק און די קשיא פון בית יוסף

ס'איז זייער אינטערעסאנט, דער רמב"ם האט גע'פסק'נט פון די גמרא. אזוי אז מילא לערנען מיר זיך אפ פון דא אז דער רמב"ם האט פארשטאנען קלאר אז ס'איז נישט קיין פיקוח נפש, דער מענטש וואלט נישט געשטארבן. ער וואלט געווען הונגעריג יענעם טאג, אן אלטער מענטש, ס'איז שווער פאר אים צו זיין הונגעריג. אבער דער רמב"ם פארשטייט קלאר, און ממילא

פארשטייט דער רמב"ם אז פון דא זעט מען ווי וויכטיג נטילת ידים איז, אפילו איינער האט נישט בצמצום.

דאס איז טאקע די הייליגע קשיא פון די הייליגע בית יוסף, און דער פתחי יוסף וואס זיין שולחן ערוך פסק'נט נישט ווי דער רמב"ם. ווייל ער זאגט אז ס'איז א חומרא פון רבי עקיבא. און נישט נאר דעם, מ'קען אפילו זאגן אז דאס איז געווען די גאנצע חידוש פון נטילת ידים לחולין, וואס דעמאלטס איז נתקן געווארן. מ'דארף מחזק זיין די גזירה, אבער אן אנדערע יוד דארף נישט. ס'איז נישט א דבר רגיל ביהודה.

**דער רמב"ם אלס תלמיד פון רבי שמעון בר יוחאי**

אין ישיבה האט מען אפילו געלערנט אויף ל"ג בעומר, אז מ'זעט מען פון דא אז דער רמב"ם האט געהאלטן אז יעדער יוד קען זיין אין בחינה פון רבי עקיבא. וועגן דעם איז דער רמב"ם געווען א תלמיד פון רבי שמעון בר יוחאי, און ווי באקאנט איז די תורה פון דער רמב"ם שטארק נאנט קאנעקטעד מיט די תורה פון רבי שמעון. וועגן דעם איז דא ספרים וואס ווייזן אן אז אסאך זאכן וואס שטייט אין רמב"ם שטימט מיט זוהר, אדער אסאך זאכן וואס שטייט אין זוהר שטימט מיט רמב"ם. סאו ער טראכט דא אז דער רמב"ם איז א תלמיד פון רבי עקיבא.

**דער רמב"ם'ס מעטאדע: מעשיות אלס הלכה**

זייער גוט. יא, דער רמב"ם האט אסאך מאל געטון אזעלכע זאכן אין חיים. ער האט גענומען מעשיות פון די גמרא און פארשטאנען אז דאס איז א הלכה. מ'קען זאגן פארקערט, מ'קען זאגן אז אויב אזוי קען מען זאגן אז אסאך רמב"ם'ס זענען נאר מעשיות. אבער דער רמב"ם... אה, וואס איך וויל זאגן, דער רמב"ם האט דאך נישט געשריבן א הלכה אז מ'דארף זיך זייער שטארק מצער זיין. ער זאגט נישט וויפיל. ער זאגט נאר באופן... יא, ער גייט נישט אריין אין די... דער רמב"ם האט דאך אויך פארשטאנען יענע מעשה, אז דאס וואס שטייט "מיתה עצמה" איז א גוזמא. אפילו אויף א מצוה דארף מען אוועקגעבן שליש מממונו. א מענטש האט נאר אביסל וואסער, און ס'איז פאר אים זייער חשוב, איך ווייס נישט צו ס'איז א חיוב גמור. אבער ער זאגט עס אלס צו ווייזן די חשיבות פון נטילת ידים.

**הלכה כ' — ניגוב ידים נאך נטילה**

דער רמב"ם ווייטער, **"צריך אדם ליטול ידיו"**. נאכ'ן וואשן די הענט זאל מען אפווישן די הענט, מ'קען נישט בלייבן מיט די נאסע הענט. **"צריך אדם"** איז זייער וויכטיג, ספעציעל מיט דעם וואס מיר האבן געלערנט אז ס'זאל נישט קיין וואסער טראפן צוריק אראפ, ווייל מ'ווישט דאך עס אפ. יא, נאכאמאל, פריערדיגע נטילת ידים, די ריינקייט ווערט ביי מיר נאס אויפגעווישט. **"וכל האוכל בלא ניגוב ידיו הרי זה כאוכל לחם טמא"**, אזוווי מ'האט געגעסן לחם טמא. ס'איז נישט געשמאק, ס'איז עקלדיג. ס'איז עקלדיג צו עסן מיט נאסע הענט, אז די זאכן ווערן נאס. טמא מיינט עקלדיג אסאך מאל, טמא מיינט נישט אייביג... כאילו אוכל טמא. טמא, טמא, דאס איז כאילו טמא.

**ניגוב ביי מים אחרונים**

זאגט דער רמב"ם, די זעלבע זאך אויך ביי מים אחרונים. **"כל הנוטל ידיו אחרונות"**, די זעלבע זאך, מ'דארף מנגב זיין. דער עכו"ם דארף אויך ווישן זיינע הענט. ער דארף נישט קיין כלי, אבער ער דארף אויך ווישן זיינע הענט. ער דארף אויך נישט בענטשן מיט שמוציגע הענט.

**הלכה כ' (המשך) — תיכף לנטילה ברכה: קיין הפסק צווישן מים אחרונים און בענטשן**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ותיכף לנטילת ידים"**, גלייך נאך מים אחרונים, **"מתחילין בברכת המזון, שלא יפסיק בין הנטילה והברכה"**. מ'זאל נישט מפסיק זיין מיט קיין אנדערע זאך. ס'איז לשון הרמב"ם, ער זאגט אז מ'זאל נישט זאגן קיין "על נהרות" אדער קיין "שיר המעלות". מ'זאל עס זאגן פאר מים אחרונים. דו ווילסט מים, מאך שוין די מים אחרונים וואסער, און גלייך בענטשן. די חלק פון מים אחרונים איז צו בענטשן מיט די קלינע הענט, סאו ממילא זאל עס זיין גלייך. אזוי מיינט ער, דאס איז דער פשוט'ער פשט.

---

עד כאן הלכות פרק ו', סארי, עד כאן פרק ו'.